משה שאליט

לוחות אין אונזער ליטעראטור

פון מענדעלי מוכר ספרים ביז דער

היינטיקער צייט

ווילנע: אלטנײ 1929

78

Copyright 1929 by M. Shalit
Printed in Poland

M. Szalit. Kalendarze w literaturze żydowskiej od Mendele Mojcher Sforim do czasów najnowszych.

Wydawnictwo „Ałtnaj"

Wilno 1929 ווילנע

געדרוקט אין 500 עקזעמפּליאַרן

געזעצט און געדרוקט אין דער דרוקעריי פון די ווילנ. פּראָדוציר-קאָאָפּעראַציון ווילנע טראָקער 7.

Drukarnia Sp. Wytw. Handl. Wilno, Trocka 7.

# ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע לוחות אין אונזער ליטעראַטור

(פאַר די נייערע צייט).

**1. די קאַלענדאַרן און לוחות פון שלום יעקב אַבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר ספרים).** דער מייסטער פון דער יידישער און ניי-העברעאישער ליטעראַטור מענדעלע מוכר ספרים האָט אונטער זיין אייגענעם נאָמען (ש"י אַבראַמאָוויץ) אַרויסגעגעבן קאַלענדאַרן און לוחות אין משך פון ניט ווייניקער ווי 8 יאָר.

דאַן איז געראָד געווען אַ קריטישע צייט פאַר אַבראַמאָוויטשן. אַ גאַנצע ריי אומגינסטיקע אויסערלעכע באַדינגונגען און טרויעריקע פאַמיליען-אָנגעלעגנהייטן האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אים און פאַרביטערט דעם לעבן. ס'איז אַ טשטאַנען פאַר אים אַן אויסערסט-שווערער פעריאָד, וועלכער האָט זיך געצויגן פון יאָר 1877 ביזן יאָר 1884.

אין יאָר 1878 איז נאָך אַרויס מענדעלעס „קצור מסעות בנימין השלישי", אין זעלבן יאָר טראָגט זיך מענדעלע מיט אַ פּלאַן אַרויסצוגעבן אַלע זיינע בעלעטריסטישע ווערק און ער באַאַרבעט פון דאָס ניי דעם „קליינעם מענטשעלע", אָבער באַלד קומט אָן אַ הפסקה אין זיין שאַפן און ביזן יאָר 1884, ווען ס'איז ערשינען זיין „פריזיוו", איז מענדעלע גאַנצע פינף יאָר (1879—1883) לגמרי אַנטשוויגן געוואָרן אין אונזער ליטעראַטור. ער האָט זיך געפילט פיזיש און גייסטיק צעבראָכן און אַזוי ווי צודריקט פון מוראדיקן גורל, וואָס איז געוואָרן צו אים אומבאַרחמנותדיק.

אָט אין דעם צושטאַנד האָט ע. אַבראַמאָוויטש אַרויסגעגעבן זיינע קאַלענדאַרן און לוחות, מיט וועלכע ער האָט אויך געוואָלט אַ ביסל פאַרלייכטערן זיין גאָרניט קיין געהויבענע מאַטעריעלע לאַגע אין זשיטאָמיר (1869—1880), וואו ער האָט געלעבט אין דחקות און ווען זיין לאַגע האָט זיך שפּעטער מאַטעריעל פאַרבעסערט מיטן אַריבערפאָרן קיין אָדעס, וואו ער איז געוואָרן פאַרוואַלטער פון דער דאָרטיקער רעפאָרמירטער תלמוד-תורה (פון יאָר 1881 אָן), האָט ער נאָך אַלץ אַרויסגעגעבן די קאַלענדאַרן אַ פּאָר יאָר צייט.

אין זיין אַוטאָביאָגראַפיע (נ. סאָקאָלאָווס „ספר הזכרון", וואַרשע 1889) דערמאָנט ש. י. אַבראַמאָוויטש נאָר 5 קאַלענדאַרן און 1 לוח און דערציילט וועגן זיי פאָלגנדעס: „דער ניטצליכער קאַלענדאַר פאַר די רוסישע יידן. ער איז ערשינען אין פינף ביכער פאַר פינף יאָר: תרל"ז, תרל"ח געדרוקט אין זשיטאָמיר; תרל"ט, תר"מ געדרוקט אין ווילנע און תרמ"ג אין אָדעס. אין זיי געפינען זיך נוצלעכע מאמרים און אַ סך גוטע זאַכן". און ווייטער: „לוח הסוחרים. און דאָרט געפינען זיך פיינע מאמרים געשריבן אין משנה-לשון (איז איצט אַ יקר-המציאות), ווילנע 1879".

אין דער אמתן האָט ש. י. אַבראַמאָוויטש אַרויסגעגעבן:

א) פון יאָר 1876 ביז 1885 (אויף תרל״ז–תרמ״ה) דעם „ניטצליכן קאַלענדאַר פאַר די רוסישע יודן״ — לכל הפחות 6 ביכער — געדרוקט אין זשיטאָמיר בדפוס י. מ. באַקשט; אין ווילנע בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראָם; אין אָדעס ביי א. שולצע, יצא לאור ע״י האחים חיים ופרץ בלעטניצקי.

ב) אין די יאָרן 1878 און 1879 (תרל״ח און תרל״ט) דעם „לוח הסוחרים״ — צוויי ביכלעך — געדרוקט אין ווילנע בדפוס והוצאת האלמנה והאחים ראָם (אויף תרל״ט און תר״ם).




דער „ניטצליכער קאַלענדאַר״ איז אַ גאַנץ פולער, קאָמפּאַקטער בוך פון בערך 96 ביז 124 זייטן, פיין און קלאָר געדרוקט, אינגאַנצן מיט נקודות; אייניקע אָפּטיילונגען (ווי „דער וועלט-קראָניק״ און „דער יידישער קראָניק״ א. א.) — מיט דעם קלענסטן פערלדיקן פעטיטל (ממש אַ שעדעוור — דער עיקר אין דער זשיטאָמירער אויסגאַבע, ווי אויך אין דער ווילנער; די אָדעסער איז ערגער און אייבפאַכער), — און ס׳איז קענטיק, אַז דער מחבר האָט אַריינגעלייגט אין זיי, ווי אין דעם גאַנצן בוך, אַ סך שוואַרצע אַרבעט און שווערע מי. און אַזוי אין אַלע יאָרגענג פון דעם קאַלענדאַר.

שטאַרק אויסגעהאַלטן זיינען די סיסטעם און די טערמינאָלאָגיע פון דעם קאַלענדאַר. אין די ערשטע אויסגאַבן טיילט ער זיך אויף אַ יאָר-לוח, וואָס ווייזט „דעם חשבון פון דער צייט״ און אויף אַ וועלטלעכן לוח, וואָס ווייזט פּראַקטישע ענינים, וועלכע זיינען „שטאַרק נויטיק צו וויסן איטליכן, וואָס לעבט אין דער וועלט צווישן מענטשן״.

אָט איז, למשל, דער הויפּט-אינהאַלט פון קאַלענדאַר תרל״ח:

צום אָנהייב גייט „אַ צעטל פון די אַלע ענינים, וואָס געפינען זיך אין דעם קאַלענדאַר״. אַזוינע ענינים זיינען דאָרט פאַרהאַן איבער 50. דערנאָך גייט דער יאָר-לוח ווייטער: וועטערונג (די פאַרענדערונגען אין דער פּאָ-



גאָדע); די סימנים אין דער נאַטור צו דערקענען די פּאָגאָדע; די פּיאַווקע, אַ באַרימטע אָנזאָגערין אויף דער פּאָגאָדע. — די גבורות הבורא אין דער לופט. וואָס איז אַזוינס דער האָגל און פון וואַנען נעמט ער זיך? — דער וועלטלעכער לוח. עניני הקראָניקע און היסטאָריע. דער וועלט-קראָניק, דער יידישער קראָניק. די לעבנסבאַשרייבונג פון ר׳ יוסף קאַרו, וואָס האָט געמאַכט דעם שולחן ערוך. — עניני געאָגראַפיע און סטאַטיסטיקע; עניני הפּאָליטיקע און מסחר; הלכות וועקסל; ירידין; עניני העקאָנאָמיע; דאָס לאָדעניש; דער ספר הרפואות.

די אַלע אָפּטיילונגען (חוץ אַ גאַנצער ריי קלענערע פון אַ ריין-אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער) זיינען גרינטלעך און גענוי באַאַרבעט, מיט אַ סך ציפער און ערקלערונגען. באַזונדערס אָריגינעל זיינען די אָפּטיילונגען פון די גבורות הבורא אין דער לופט, וואו אַבראַמאָוויטש, דער פאַרפאַסער פון „תולדות הטבע״ ווייזט ווידער אַרויס זיין אינטערעס צו נאַטורוויסנשאַפט (נאָר פון אַן אַנדער געביט און אויף יידיש), וועלכן ער האָט ניט פאַרלאָרן דעם גאַנצן לעבן, — און די „עניני הקראָניקע און היסטאָריע״, וואו דער מחבר ברענגט די כראָנאָלאָגיע פון די וויכטיקסטע געשעענישן פון דער אַלגעמיינער געשיכטע („דער וועלט-קראָניק״) און דער עיקר פון דער יידישער געשיכטע („דער יידישער קראָניק״) מיט ביז גאָר טשעקאַווע פירושים און מעשיות, דערציילט אויף אַ פאַלקסטימלעכן לשון.

מיר ברענגען דאָ עטלעכע מוסטערן פון פאַרשיידענע ערטער פון דער דאָזיקער יידישער „קראָניק״ (ניטצלעכער קאַלענדאַר״ תרל״ח. די ציפער ביי די זייטן באַטייטן די יאָרן ביז תרל״ח), וועלכע הויבט זיך אָן מיט 5638:

„530 זינט די גרויסע שרעקלעכע מגפה איז געווען אויף דער גאַנצער וועלט. ס׳איז ניט איבערגעבליבן קיין צענטל מענטשן. פון יידן זיינען ווייניק געשטאָרבן אין מחמת דעם האָט מען אויף זיי, אין שפּאַניע, פראַנקרייך און גערמאַניע אויסגעטראַכט אַ בלבול, אַז זיי האָבן געוואָרפן סם אין די ברונעמס און טייכן. דער המון עם איז אויף זיי אָנגעפאַלן און אויסגעקוילעט לאלפים ולרבבות״.

„489 זינט דער פּראָסטער המון עם האָט זיך פאַרקליבן און געהרגעט מיט העק די יידן אין פּראָג, זייערע הייזער פאַרברענט און די מתים פון די קברים אַרויסגענומען. ר׳ אביגדור קרא פון פּראָג האָט דערויף געמאַכט אַ סליחה״.

„450 זינט דער מהרי״ל (ר׳ יעקב מולין סג״ל) האָט געלעבט. ער איז דער ערשטער, וואָס פון אים הויבט זיך אָן דער מהר״ר. דאָס הייסט מורנו הרב, אַזוי ווי אַ דאָקטאָר-טיטל. די רבנים אין אשכנז האָבן איינעם דעם אַנדערן דעם טיטל געגעבן. גרויסע לייט ווי דער אברבנאל וכדומה האָבן דערויף שטאַרק מתרעם געווען״.

„370 זינט אַ געטויפטע יידל פון מעהרן יוסף פעפערקאָרן האָט געשריבן רשעות אויף די יידן און אויפן תלמוד. ער מיט זיין חברייא זיינען אויסן געווען מען זאָל אַלע יידישע ספרים פאַרברענען. אַ נס איז געשען, וואָס איינער פון די חסידי אומות העולם, אַ למדן מופלג און אַ מקובל, דער באַרימטער רייכלין, האָט אויפגעוויזן, אַז אין די יידישע ספרים שטייט חלילה קיין שלעכטס ניט. אדרבה, זיי לערנען יעדן מדות טובות, מען זאָל אַלע מענטשן ליב האָבן. רייכלין האָט אין דער מחלוקת זייער פיל געליטן, נאָר ער האָט זיינס טאַקע אויסגעפירט. אַ סך שררות און געלערנטע קריסטן האָבן אים געהאָלפן. יידן דאַרפן זיי דאַנקען און שעצן זייער נאָמען״.

„269 זינט דער גור אריה, פּראָגער רב, רבי ליוואַ בר בצלאל איז טויט. ער האָט געהייסן דער גרויסער רבי ר׳ ליוואַ. אויף אים איז דאָ מעשיות, ווי ער

המדינה); „עניני געאָגראַפיע און סטאַטיסטיקע"; „וואָס דער יאָר־לוח באַטייט און דער פירוש פון אַ סך זאַכן, וואָס איז נויטיק צו וויסן".

אין „ניטצליכן קאַלענדאַר" תּרמ"ה געפינען מיר פון די אַלטע אָפּטיילונגען (חוץ די אינפאָרמאַטיווע ענינים) נאָר די „וועטערונג", דעם „קראָניק", די „באַשרייבונג פון דער רוסישער אימפּעריע" און דעם „פירוש אויף אַ סך זאַכן אין דעם קאַלענדאַר" — די לעצטע צוויי ניי־באַאַרבעט — דערפאַר, אָבער, ברענגט דער דאָזיקער קאַלענדאַר צוויי גרעסערע ליטעראַריש־פּובליציסטישע אַרבעטן פון ש. י. אַבראַמאָוויטש, ווי „אַ סגולה צו די יודישע צרות" (ז. 70—86) און „דאָס לעבנסבאַשרייבונג פון סיר משה מאָנטעפיאָרע" (ז. 86—96), וועלכע פאַרנעמען אַ גאַנצן דריטל פון קאַלענדאַר.




די „סגולה צו די יידישע צרות" איז אַבראַמאָוויטשעס אַ גאַנץ פרייע באַאַרבעטונג און שטאַרק יידישלעכע אויסטייטשונג פון ד"ר לעאָן פינסקערס באַוואוסטער בראָשור „אַוטאָעמאַנציפּאַציע", וואָס איז אַרויס אַנאָנים אין יאָר 1882, אין אַ צייט פון נאָך אַ פאַרשטאַרקטער אַנטי־סעמיטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד און פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, ווען ס'האָט זיך אָנגעהייבן די עמיגראַציע־בהלה און מען איז געלאָפן וואוהין די אויגן האָבן געטראָגן. פינסקער האָט זיך דאַן געפונען אין בערלין, וואו ער האָט זיך פאַרפולקאָמט אין זיין מעדיצינישער בילדונג, אין דאָרט האָט ער עס אַרויסגעגעבן זיין ביכל, וואָס איז געווען אַ „דערמאָנונג פון אַ רוסישן יידן צו זיינע ברידער פון פאָלק" און וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף די גאַנצע ווייטערדיקע יידישער נאַציאָנאַלע באַוועגונג.

אַבראַמאָוויטש האָט אָנגעשריבן צו דער „סגולה" אַ הקדמה, וועלכע איז פאַר זיך אַ שטיק קינסטלערישע מענדעלע־שאַפונג, הגם ס'ליגט אויף איר גאָר בולט דער צייט־שטעמפּל פון יענע יאָרן (זי איז געשריבן 1884).



## ס'איז גריילעך כדאַי דאָ איבערצוגעבן אָט די הקדמה:

„די גרויסע צרות און ווייטאָגן, וואָס אונז שלימזלדיקע יידן האָט אין דער לעצטער צייט געטראָפן, זיינען אַזוי שרעקלעך פיל און אַזוי נאָך פריש, אַז מיר קענען ניט און מען פאַרשפּאַרט עס אויך טאַקע זיי אַרויסצוזאָגן. ניט אין דעם לאַנגן צעטל פון די אַלע רדיפות, מכות און פּורעניות, מיט וועלכע מיר זיינען אין די לעצטע עטלעכע יאָר געשטראָפט געוואָרן, ניט אין דעם נויטיקן מיר זיך אַצינד, בשעת מיר פילן נאָך די גרויסע שמערצן, אָנקוקנדיק די וואונדן אליין מיט אונזערע אויגן, בשעת זיי טוען נאָך שטאַרק וויי און צופּן ביים האַרצן.

אַ דאָקטאָר באַדאַרפן מיר האָבן, אַ מומחה, וואָס זאָל אונז געבן עפּעס אַ סגולה צו אונזערע ווייטאָגן. נאָר וואו האָט איר געזען אַ יידן בשעת ער פאַלט לא עליכם אויף די קריזשעס, אָדער עס כאַפּט אים נעבעך אָן ציינווייטאָג, וואָס ער זאָל אויף זיך ניט האָבן גוזמות יידן בעלי רחמים'ס, איטלעכער באַזונדער מיט זיינע באַבסקע מיטלען?

נישקשה, כ'לעבן, מיט צרות, מיט בעלי־רחמים'ס, בעלי־טובות און עצות געבער האָבן מיר יידן ברוך־השם ניט צו זאָרגן. אַ סך אַזעלכע האָבן אין דער לעצטער צייט זיך אָנגעוואָרפן צו זיין אונזערע רופאים און אָנגעדולט אַ קאָפּ מיט זייערע בויך־סברות.

דערונטער זיינען געווען שפּרעכערס, וואָס ריידן בויבעריק, טאַטעריש און געוואָלט היילן דורך דער סיטרא אחרא. ווידער אַנדערע זיינען פאַרקראָכן דוקא גאָר ווייט אין דער קדושה און געזוכט די רפואה גאָר אין אַ הייליקן יהי רצון, אין אשר יצר זאָגן הונדערט מאָל אין טאָג, שונאים אויף צוזעטצעניש. ווייטער נאָך אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגעשריבן אַלערליי קמיעות, אַזוינע מיני סטאַטייקעס, אין וועלכע ס'איז אויסגעמישט בוידעם־פּאַליצע, סיור־בור ומפליא לעשות, וואָס אוממעגלעך צו פאַרשטיין דאָרט אַ וואָרט. אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געהייסן אויף גאָטס באַראָט גיין מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט אַ ניכטערן מאָגן און ליידיקע קעשענעס מעסטן פעלד דאָרט אויף דער מערת המכפלה.

די אַלע דאָזיקע לייט האָבן זיך באַמיט, עס פאַרשטייט זיך, אומזיסט, ווי די אַלע אַנדערע בעלי־טובות, וואָס מיינען חלילה ניט קיין גראָשן, נאָר גלאַט לשם מצוה, פאַר גרויס ליבשאַפט צו אונז. אין זייער ליבשאַפט האָט דערווייל געקאָסט טייער, יידן אָנגעמאַכט שאָדן אפשר גאָר אַזוי פיל, ווי פון יענע די גרויסע שנאה.

באַהיט זאָל מען ווערן רבונו של עולם פאַר אַ שרפה, אָבער נאָך מער פון נאַרישע מבולבלע גוטע פריינד, וואָס כאַפּן ראַטעווען, גלאַט כאַפּ־לאַפּ אין טוען דערביי גרויסן שאָדן אָן.

שוין דרינגען אַליין באַשטייט דער גרויסער שאָדן פון יענע לייט, וואָס מיט זייער רעש און געפילדער האָבן זיי פאַרטויבט די אויערן, ניט צוהערן רעכט די מיטלען, וועלכע קליגערע, געניטערע פון זיי האָבן געגעבן, האַלטנדיק דאָס קראַנקע יידישע פאָלק ביים דופק און אויסהערנדיק אים גוט דאָס האַרץ. ערשט אַצינד, אַז די בייזע מהומה האָט זיך אַ ביסל איבערגענומען און די סגולות פון יענע מיני פאַרשוינען האָבן זיך דערוויזן פאַר נאַריש, אָן אַ שום האַפט, האָט מען אָנגעהויבן זיך רעכט אַרומצוקוקן, צו באַטראַכטן מיט ישוב־הדעת די יידישע שלעכטע לאַגע און צוצוהערן זיך מיט קאָפּ, וואָס מבינים, פאַרשטענדיקע מענטשן זאָגן.

זייער פיל ספרים און אַרטיקלען זיינען אַ צינד ביי אונז דאָ פון געלערנטע מענטשן איבער דער איצטיקער יידישער לאַגע. צווישן זיי געפינט זיך איין ספר, אויף וועלכן ס'איז ניטאָ דער נאָמען פון מחבר, געשריבן אין דער דייטשער שפּראַך — אין דעם לשון פון יענעם פאָלק, וואָס ווי גרויס ס'איז די חכמה, די מענטשלעכקייט פון זיינע באַרימטע געלערנטע, אַזוי גרויס איז אויך די נאַרישקייט און די רשעות פון זיינע ווילדע טפּשים. דאָרט אין דעם לאַנד האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק זיך צום ערשטן געוויזן די מיאוסע קרעץ אונטער דעם ניי־מאָרנעם

שראַגיזאַנעלע „סגולות"

נאָמען „אַנטיסעמיטיזם“. דאָס הייסט אויף אונזער לשון: די שנאה צו יידן, וואָס שטאַמען פון דער גזע שם. גלייך ווי היינט וואָלט זיך באַשיינפּעלעך דערוויזן, אַז שם האָט אין דער תבה געהאַלטן אַ שענקל און געגעבן יפתן מיט זיינע בהמות דאָרט געלט אויף פּראָצענט. פון דאָרט האָט דער עיפוש זיך פאַרטראָגן אין אַנדערע מדינות און דאָס מיאוסע קרעצל האָט זיך געזעצט ביי מענטשן מיט שלאָפּע קעפּלעך, ניט דאָ געדאַכט, וואָס מחמת דעם האָט זיי נעבעך זיך איבערגעקערט דער מוח, זיי האָבן גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער, געאַרבעט מעשים און אָנגעטאָן גרויסע צרות, אַליין ניט צו וויסן אויף וואָס פאַר אַ וועלט זיי זיינען.

אָט דעם דאָזיקן ספר, וואָס איז געשריבן אין דער דייטשער שפּראַך וועגן דעם כלל יידן אויף דער גאַנצער וועלט און וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאָר 1882 אין בערלין, אין דעם רעכטן אָרט, וואו דער גאַנצער צאָרן פון „אַנטיסעמיטיזם“ איז אויף יידן אַזוי גרויס, גיבן מיט היינט אַרויס אויף אונזער יידישן לשון מיט דעם נאָמען „אַ סגולה צו די יידישע צרות“.

דאָס ספרל איז, ווי איר זעט רבותי, נישט גרויס, נאָר אין אים זיינען נכלל כמעט אַלע געדאַנקען און די הויפּטזאַכן, וואָס אין די אַלע איבעריקע ספרים פון דעם מין. דאָס איז דער ברונים, פון וועלכן די אַנדערע געלערנטע מחברים האָבן דערנאָך געשעפּט געדאַנקען, צוגעבנדיק צו זיי נאָר נאָך אַ ביסל געווירץ און זיי אויסגעלייגט אויף אַנדערע טעלערלעך. דעריבער, אַז מען לייענט דעם דאָזיקן ספרל קען מען שוין מיט אים יוצא זיין פון לייענען נאָך תרי"ג אַנדערע זיין גלייכן. און דאָס אייגנטלעך איז אונזער גאַנצער פּיוון, באַקאַנט צו מאַכן דעם עולם מיט דעם גאַנצן היינטיקן שמועס איבער יידן און צוגלייך טאַקע אים פאַרשפּאָרן די מי אָנצולייענען זיך ווי אַ פּויק מיט אַ סך ספרים, וואָס אין תוך אַריין זייבען זיי אַלע גלייך, ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט.

אַ גרויסע מעלה האָט דער דאָזיקער ספר, וואָס דער מחבר זיינער רעדט בנימוסדיק. ער רירט נישט חלילה מיט אַ גראָב וואָרט קיינעם, אַפילו די שונאי ישראל. אדרבה, ער אוז אויף זיי נאָך מלמד זכות דערמיט, וואָס דער גאַנצער האַס זייערער איז, כּפי ער דערווייזט, שוין אַזוי אין דעם מענטשנס טבע, און אינגאַנצן שולדיק איז נאָר דאָס יידישע פינסטערע מזל. אין דעם מוסר זיינעם צו די יידישע קינדער זעט מען אַרויס ווי שטאַרק ליב ער האָט זיי. זיינע רייד גיסן זיך ווי אַ שטראָם טיף פון האַרצן, דאָס זיינען הייסע פלאַם-פייערדיקע געפילן, וואָס צונויפשטיקנדיק זיך אינאיינעם רייסן זיי זיך מיט אימפּעט אַרויס פון דער ברוסט און שיטן זיך אים ווי פּערל אויס דעם מויל. זיין וואָרט איז פייער און ברעכט ווי אַ האַמער אַ האַרץ אַפילו ווי אַ שטיין. שילדערט ער די יידישע לאַגע, הערט מען עפּעס אַ ביטערן קרעכצן, אַ זיפצן, וואָס כאַפּט אָן ביי דער נשמה, און גיט ער זיך אַמאָל אַ בייזער, פילט מען ווי עס טריפט אים דערביי דאָס בלוט. אויף אים איז געזאָגט געוואָרן דער פסוק „נאמנים פצעי אהב ונעתרות נשיקות שונא“, וואָס איז גלייך מיט דעם עולם'ס אַ ווערטל: „בעסער פון אַ גראַטש אַ פּאַכש, איידער פון אַ נאַר אַ קוש“.

אַצינד, רבותי זייט מיר געזונט און לייענט זייט מוחל דעם ספר אַליין!“.

---

## ש. י. אַבראַמאָוויטשעס הקדמה צו זיין „לוח הסוחרים“ תרל"ט.

(ז. זײַט 15)

„בשנת הרל"ח העברה נסיתי להוציא בשפת עבר לוח הסוחרים קטן רק לדוגמא. ועתה כאשר נוכחתי לראות, כי לוח כזה הוא דבר המתבקש ורצי לרוב בני עמנו, שהמסחר אומנתם, ורבים וכן שלמים העתירו עלי דבריהם מרחוק ומקרוב



להחזיק במלאכתי זו ולא ארפנה. הנני יוסיף שנית לחבר לוח הסוחרים ומלאתיו בענינים הרבה מועילים ודרושים לכל חפציהם, עד שנעשה רב הכמות והאיכות. ומעתה אוציא את הלוח הזה שנה בשנה בישע ה' ואשית עליו תמיד נוספות הצריכין לשעתן.

לוחות חכמי לב הנודעים בארץ וספרי חכמה הרבה היו לי למעינ הישועה במלאכתי זו. התאמצתי לעשות מלאכתי באמונה, לכתוב הענינים בשפה ברורה וקלה. לצרוף בהם ולברר וללבן עד שיד בינתי מגעת. השמות המלאכותיב הלועזים אותם הנחתי כמו שהם שגורים וידועים בעניני משא ומתן והלכות דרך ארץ ובארתי טעמם והוראתם במלות ובשמות מכוונים להם, שנמצאו בספרי חכמנו עה"ש. בקשתי למצוא דברי חפץ ולכתבם על לוח אתי, שיהיו נוחים ונבוחים למבין ושויתי כוונתי זאת לנגדי תמיד.

לטוב יזכר ידידי ורעי מהנדס נפלא ובקי בהלכות המסחר הר"ר יחיאל ב"ר שמחה פינסקער, אשר הואיל בטובו לקבל עליו המעמסה בסידור לוח הקורסען, אזן וחקר ותקן אותו במערכי לב ובתבונה על דרך יצד היותר טוב, עד שהכל יבינו אותו וימצאו בו מבוקשם בנקל.

ואני תפלה, כי יצליח הלוח הזה את דרכו והלך מדי שנה בשנה וסבב כל מושבות בני ישראל, והיא ושנותיו לא יתמו!“.

---

אַבראַמאָוויטשעס „סגולה“ האָט געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג. ס'איז אַ סברה, אַז נאָכן ערשיינען פון קאַלענדאַר איז זי אויך אַרויס אין אַ באַזונדערער בראָשור, וואָס האָט געפונען אַ שטאַרקע פאַרשפּרייטונג צווישן די דעמאָלטיקע חובבי-ציון. מיר געפינען וועגן דעם אַן אינטערעסאַנטן דאָקומענט אין די „כתבים לתולדות חבת ציון וישוב ארץ-ישראל“ (ערוך על ידי א. דרויאַנאָוו, אָדעס, תרע"ט).

דעם 1-טן מערץ 1884 שרייבט ד"ר פּנחס יאַמפּאָלסקי פון ראָסטאָוו (מיליטער-דאָקטאָר, געווען ראַבינער אין ראָסטאָוו אויפן דאָן, איינער פון די ערשטע חובבי-ציון, האָט פיל געאַרבעט פאַר דער באַוועגונג אין דאָנער געגנט און אין סיביר און שפּעטער אין קיעוו) צום ד"ר ל. פּינסקער:

„פון ה' ציטראָן פון מינסק האָב איך באַקומען אַ בריוו מיט אַ בראָשור „אם אין אני לי מי לי“, זייער אַ געלונגענע איבערזעצונג פון דער „אַווטאָעמאַנציפּאַציע“. די קענער פון העברעאיש וועלן זיין זייער דאַנקבאַר פאַר די דאָזיקע איבערזעצונג. צונויפקלייבנדיק ידיעות וועגן דער צאָל פּערזאָנען, וואָס פאַרשטייען העברעאיש, האָב איך געבעטן דעם מחבר אַרויסשיקן 50 עקזעמפּלאַרן, איך וועל זיך אָבער ערלויבן פּערזענלעך צו באַמערקן, אַז דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז ביז איצט ניט געטאָן און ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן. איך רייד וועגן אַן ענלעכער בראָשור אויף זשאַרגאָן. ס'איז נויטיק, אויסערסט נויטיק, אַז די מאַסע זאָל לייענען, אַז דער עולם זאָל זיך דורכדרינגען מיט דער דאָזיקער אידעע. אָבער דערווייל וואָס האָט מען גדאָד וועגן דער מאַסע פאַרגעסן. איך ווייס, למשל, אַז אין ראָסטאָוו וואָלט מען געקענט פאַרשפּרייטן צווישן דער מאַסע לכל הפחות 600 עקזעמפּלאַרן. וואַרשיינלעך. וואָלט דאָסזעלבע געווען אין יעדער שטאָט. — פּראָסטע יידן באַלאַגערן מיר ממש מיט זייערע בקשות, אַז איך

זאָל זיי געבן לייענען אויף זשאַרגאָן עפּעס ענלעכעס צו דער „אַוטאָעמאַנציפּאַציע" און צו דער בראָשור פון ה' ליליענבליום".

אין אַ צווייטן בריוו, אויך פון ראָסטאָוו, דאַטירט 19-טן אווגוסט 1884, שרייבט שוין ד"ר יאַמפּאָלסקי צום ד"ר פּינסקער פאָלגנדעס:

„מען פאַרוואַרפט אונז מיט בקשות וועגן אַרויסשיקן בראָשורן און אינפאָרמאַציעס, ווי ס'גייט די פאָלקס-זאַך, וואָס מיר ערפילן מיט גרויס פרייד, האָבנדיק אין רעזערוו די בראָשורן פון ה' ליליענבליום און די איבערזעצונג פון אייער „אַוטאָעמאַנציפּאַציע" אויף העברעאיש און אויף זשאַרגאָן" (די בריוו זיינען געשריבן אויף רוסיש; אין די „כתבים" זיינען זיי געבראַכט אונטער די נומערן 77 און 112).

די העברעאישע איבערזעצונג ווערט דאָ געמיינט פון ש. ל. ציטראָן און די יידישע — פון ש. י. אַבראַמאָוויטש: די אונז גוט באַקאַנטע „אַ סגולה צו די יידישע צרות" (ז. „כתבים", ז. 214).

מיט אומגעפער 15 יאָר שפּעטער האָט זיך ש. י. אַבראַמאָוויטש נאָך אַמאָל אומגעקערט צו דער „סגולה", אויך אין אַ קאַלענדאַר, אָבער ניט אין אַן אייגענעם, נאָר אין אַ פרעמדן („יידישער פאָלקס-קאַלענדאַר" פון גרשם באַדער, לעמבערג 1898/9). דאָס איז געווען די צייט פון נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל און די „סגולה" איז ווידער געוואָרן אַקטועל.

דאַסמאָל שרייבט זיך שוין אַבראַמאָוויטש אונטער מענדעלע מוכר ספרים. די הקדמה פעלט אינגאַנצן; אין טעקסט זיינען דורכגעלאָזן צוויי זייטן, וואו ס'האָט זיך גערעדט וועגן פאַרטיילן יידן צווישן די אומות העולם און וועגן סתם אַ לאַנד (ד"ר פּינסקער איז נאָך אין דער „אַוטאָעמאַנציפּאַציע" אַ „טעריטאָריאַליסט", ערשט גלייך נאָכן ערשיינען פון ביכל איז ער געוואָרן אַ „פּאַלעסטינאָפיל" און פירער פון די חובבי-ציון); דאָ און דאָרט זיינען אויך פאַראַן פאַרשיידענע סטיליסטישע ענדערונגען און שינויים אין ווערטער. מעגלעך, אַז די תקונים זיינען געמאַכט געוואָרן צוליב דער נייער צייט און צוליב דער עצם זאַך (באַדערס קאַלענדאַר איז ריין-ציוניסטיש), ס'איז אָבער אויך מעגלעך, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט מענדעלעס אַלטן מנהג כּסדר צו שלייפן, איבערמאַכן, פאַרפולקאָמען און פאַרריכטן זיינע ווערק, וואָס האָט קיינמאָל ביי אים ניט אויפגעהערט.

ניט נאָר בנוגע זיינע גרעסערע ווערק איז זיך מענדעלע אַזוי באַגאַנגען („דאָס קליינע מענשעלע"; „ווינשפינגערל"; „פישקע דער קרומער"; „קצור מסעות בנימין השלישי", וואָס די ערשטע דריי קאַפּיטלעך פון אים האָבן זיך געדרוקט אין „ניצליכן קאַלענדאַר", ערשטער יאָרגאַנג, 1876—תרל"ז; א. א.), נאָר אויך אפילו בנוגע קלייניקייטן. אַזוי, למשל, אַז מיר געפינען אין קאַלענדאַר 1884 (תרמ"ה), אין דעם קאַפּיטל „אַ פּירוש אויף אַ סך זאַכן" (אַסטראָנאָמישע ידיעות וועגן די שטערן, זון א. אַז. וו.) אַ שיר לכבוד דער לבנה און מיר פאַרגלייכן אים מיט דעם געהעריקן אָרט (פּרק רביעי, יָרֵחַ) אין אַבראַמאָוויטשעס יידישער איבערזעצונג פון „פּרק שירה" (זשיטאָמיר, 1875), טרעפן מיר שוין אין די פּאָר צענדליק פערזן אַ היפּש ביסל ענדערונגען (אגב, איז דער



דאָזיקער „פּירוש אויף אַ סך זאַכן" זייער אייגנאַרטיק אָנגעשריבן און אַבראַמאָוויטש לאָזט ניט דורך די געלעגנהייט „מקרב צו זיין צו יידישקייט" די שטערן, די זון מיט דער לבנה: „אַ גאַנצע מחנה שטערן גייען ווי מיט די הקפות זייער שטענדיקן און אייביקן וועג אַרום דער ליכטיקער זון, וואָס זי אַליין גייט ניט מיט קיין הקפה אַרום קיינעם, נאָר וואָס זי דרייט זיך ווי אַ ראָד אַרום איר אַקס"; „די לבנה, דער זונס אָרעמע קרובה, באַקומט פון איר ליכטיקייט ווי קצבה" א. אַז. וו.).

אַלנפאַלס איז זיכער אויך אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן די ביידע „סגולות" פון יאָר 1884 און 1898.

וואָס איז שייך דער „לעבנסבאַשרייבונג פון סיר משה מאָנטעפיאָרע" איז עס אַבראַמאָוויטשעס אַ באַאַרבעטע איבערזעצונג פון אַן אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט אין „דזשואיש קראָניקל" און פון דאָרט אין „המגיד".

מאָנטעפיאָרע האָט נאָך דאַן געלעבט און געהאַלטן ביים ווערן 100 יאָר.

„די הונדערט יאָר, שרייבט אַבראַמאָוויטש אין דעם קורצן אַריינפיר, זיינען אַ גאַנץ גרויסער ספר, וואָס איטלעכס יאָר איז אַ פּרק, איטלעכער טאָג אַ בלעטל פון צדקות און מעשים טובים אין זיין לעבן. בדהילו ורחימו גיב איך אַצינד אַ בליק אין דעם דאָזיקן הייליקן ספר און נעם פון דאָרט אַרויס נאָר אַ מקצת מזכה צו זיין דערמיט אונזער פּראָסטן עולם".

אַבראַמאָוויטש גיט איבער אין אַן אָנציענדער פאָרם און מיט אַ „טראַדיציאָנעלער" שפּראַך די וויכטיקסטע פאַקטן פון מאָנטעפיאָרעס ביאָגראַפיע און פאַרענדיקט: „אין ענגלאַנד מאַכט מען גרויסע הכנות צו דעם טאָג (ח' מרחשון שנת תרמ"ה), וואָס מאָנטעפיאָרן ווערט הונדערט יאָר און מען איז זיך היינט דאָרט מיישב, וואָס מאַכט מען אים לזכרון עפּעס אַ גוטע זאַך פון דעם געלט, וואָס ווערט דאַרויף געשיקט פון אַלע יידן פון דער וועלט. מיר האָפן, אַז איבער אַ יאָר, אם ירצה השם, וועלן מיר דעם עולם מודיע זיין, וואָס עס איז געבליבן מיט דעם געלט צוטאָן און אויך צו באַשרייבן דעם יום-טוב און די גרויסע שמחה אין דעם געבורטסטאָג מאָנטעפיאָרעס, זאָל מאריך ימים ושנים זיין. אמן וכן יהיא רצון".

מאָנטעפיאָרע איז אָבער געשטאָרבן אויפן 101-טן יאָר פון זיין לעבן (דעם 25 יולי 1885).

אין די קאַלענדאַרן זיינען אויך געדרוקט, צום סוף, אַנאָנסן און מודעות. אַזוי געפינען מיר דאָרט עטלעכע אַנאָנסן פון אַבראַמאָוויטשעס נאָענטסטן פריינד און מיטאַרבעטער ביי פאַרשיידענע ווערק („דער לופטבאַלאָן"; „דער פיש, וואָס האָט איינגעשלונגען יונה הנביא"; „דער אוסטאַוו איבער וואַינסקי פּאָווינאָסט"; די רוסישע איבערזעצונג פון אַבראַמאָוויטשעס „האבות והבנים"; קריטיש-ביאָגראַפישער אַרטיקל וועגן אַבראַמאָוויטשן „דער יום-טוב פון דער יידישער ליטעראַטור" אין „וואָסכאָד" (1884) ליב (לעוו מאָאיסעיעוויטש) בינשטאָק, וועלכער האָט דאַן (אין די יאָרן 1877 און 1878) געהאַט אין זשיטאָמיר (צוזאַמען מיט איינעם מ. א. ווייגלוד) אויף די שטאָט און אויף גאַנץ וואָלינער גובערניע די אַגענטור פון דער „רוסישער אַסעקוראַנץ-געזעלשאַפט קעגן פייער",

פון באנקהויז „א. ו. יונקער און קאמפ.“ פון פעטערבורג — קעגן דעם טיראזש פון די „וויגרישני בילעטן“ און פון די ענגלישע זאוואדן רוסטאן פראקטאר און קאמפ. — די אגענטור פון לאנדווירטשאפטלעכע און אנדערע מאשינעס.

אבער צווישן די אלע אנאנסן געפינען מיר (אויף דער פערטער זייט פון הילע פון קאלענדאר 1878 — תרל״ט) א מודעה אונטערגעשריבן פון ש. י. אבראמאוויטשן אליין. היות ווי די דאזיקע מודעה האט א באזונדערן ליטעראריש־היסטארישן ווערט, גיבן מיר איר דא איבער ווארט ביי ווארט (געענדערט איז דא בלויז די ארטאגראפיע, ווי אין אלע איבעריקע ציטאטן):

„אזוי ווי אין מיין קאלענדאר זיינען דא זייער פיל זאכן, וואס האבן אן אייביקן ווערט און קענען דעם עולם צונוץ קומען תמיד אין אלע צייטן און אזוי ווי אין אים געפינען זיך אויך אזעלכע ענינים, צו וועלכע ס׳קומט אלע יאר צו נייס און אויב מען האט ניט פאר די אויגן דאס פריערדיקע איז אוממעגלעך צו פארשטיין דאס, וואס ווערט ווייטער אלץ צוגעזעצט; דעריבער בין איך פון מיין זייט מחויב דעם עולם דא מודיע צו זיין, אז זיי זאלן אפהיטן פון איטלעכעס יאר דעם קאלענדאר, וואס ער קען זיי שפעטער שטארק צוניץ קומען און באם ער וועט ביי זיי פארלארן ווערן, וועט קיין מעגלעכקייט ניט זיין אים דערנאך פאר קיין געלט צו באקומען. לעת־עתה געפינט זיך נאך ביי מיר א ביסל קאלענדארן פון ערשטן און צווייטן יארגאנג (תרל״ז, תרל״ח), די וואס וועלן זיך פארכאפן פריער וועלן די דאזיקע ביידע קאלענדארן נאך באקומען פאר דעם פריערדיקן מקח.

מיין ספור המעשה „קצור מסעות בנימין השלישי“, וואס די ערשטע דריי קאפיטלעך דערפון זיינען געדרוקט געווען אין מיין קאלענדאר פון יאר תרל״ז, איז אצינד שוין אפגעדרוקט אין א באזונדערן ספר. איך פארהאף, אז דעם עולם וועלן די ווייטערדיקע קאפיטלען געפעלן אזוי ווי די ערשטע דריי.

אויך בין איך דא מודיע פון מיין פלאן איבערצודרוקן מיט דער צייט די אלע ספורי מעשיות (זעמטלעכע ווערקע) פון מענדעלע מוכר ספרים. לעת עתה הויבט זיך אן צו דרוקן „דאס קליינע מענשעלע“, וואס איז איבערגעמאכט געווארן כמעט אינגאנצן אויף דאסניי אזוי, אז עס האט באקומען גאר אן אנדער פנים, אן אנדער געשטאלט, און איז בכל האופנים פיל שענער אי בעסער ווי פריער. פון דאזיקן קליינעם ספור איז איצט ארויסגעקומען א גאנץ היפשער ספר, זייער שיין געדרוקט און דער מקח פון אים איז ניט טייער. — ש״י אבראמאוויץ“.

אבראמאוויטש האט שטארק געהאלטן פון זיינע „ניטצליכע קאלענדארן“ און באמת האט ער אפגעגעבן אויף זיי פיל כוחות און זיי זיינען צונויפגעשטעלט מיט גרויס ערנסטקייט, גענויקייט און פינקטלעכקייט. אין הינזיכט פון „נוצלעכקייט“ און „באלערונג“ זיינען א גאנצע ריי אפטיילונגען פון די קאלענדארן די ערשטע פרובן און פארגייער אין אונזער ליטעראטור פון פארשיידענע שפעטערדיקע אויסגאבן און זשורנאלן פאר פאפולערע וויסנשאפט, פאלקסגעזונט וכדומה.

ס׳איז אויך כאראקטעריסטיש, וואס ביים „צעטל פון די ענינים“ צום אנהויב פון זיינע קאלענדארן (ערשטע יארגענג) ווייזט אבראמאוויטש אן די ספרים, מיט וועלכע ער האט זיך באנוצט ביים צונויפשטעלן די קאלענדארן. דאס זיינען באוואוסטע רוסישע קאלענדארישע אויסגאבן פון יענער צייט. דערביי באמערקט אבראמאוויטש: „אחוץ זיי האב איך צו דער ארבעט געברויכט אך א סך ספרי חכמה און פארשיידענע לוחות“.

אבראמאוויטשעס קאלענדארן זיינען אבער דורכאויס אריגינעל, ווייל חוץ זיינע אייגענע ארבעטן, זיינען אויך אלע איבעריקע טיילן פון די קאלענדארן פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה אייגנארטיק באארבעט.

א קאפיטל פאר זיך איז די שפראך פון די קאלענדארן, וועלכע דארף באזונדער געפארשט ווערן.

לויטן אינהאלט זיינען אבראמאוויטשעס „ניטצליכע קאלענדארן“, זאכלעך און וועלטלעך און גלייכצייטיק זיינען זיי דורכגעדרונגען, — וואו דאס לאזט זיך זיין קענטיק (אין די אייגענע ארבעטן, ווי: „דער יידישער קראניק“; „די לעבנסבאשרייבונגען פון ר׳ יוסף קארו“; „ווי אזוי אונזערע יידן האבן אין די פריערדיקע יארן געלעבט צווישן די אומות העולם“; „די סגולה צו די יידישע צרות“; „די לעבנסבאשרייבונג פון ר׳ משה מאנטעפיארע“ א. א.), — מיט א „יידיש־נאציאנאלן“ טאן.


לוח הסוחרים
משנת ה׳ אלפים תר״ם לבריאת העולם
כולל בתוכו
לוח חדשי ישראל עם כל פרטי הדברים התלוים בו, ונגדו לוח הרוסים עם החגים והצוות והטאבעלין של בית מלכנו ולוח חדשי הנוצרים בחוץ לארץ. גם הרבה דברים מועילים ופרקים גדולים בהלכות דרך ארץ והמסחר, המבוארים בפרוטרוט בתוכן הענינים, והכל בסדר יפה ובשפה ברורה וקלה לתועלת הסוחרים.
מאת
ש״י אַבְרַמָוִיץ.
ווילנא
בדפוס והוצאת האלמנה והאחים ראם
שנת תרל״ט לפ״ק
ЛУАХЪ ГАСОХРИМЪ
Коммерческій Календарь
для русскихъ евреевъ.
На 5640 г. по сотворенiи мiра.
Составленъ С. Абрамовичемъ.
1879.

געדרוקט זיינען די „ניטצליכע קאלענדארן“ אין בוך־פארמאט פון 6½ אויף 10½ קווادראט.

דער „לוח הסוחרים“, ווידער, וואס אבראמאוויטש האט ארויסגעגעבן אין די צווי יאר תרל״ח און תרל״ט, טראגט שוין בלויז א פראקטישן כאראקטער פון א ריין־אינפארמאציון קעשענע־לוח, הגם ער איז אויך גאנץ גרינטלעך באארבעט געווארן (דער „לוח הסוחרים“ פון צווייטן יארגאנג — תרל״ט האלט שוין גאנצע 196 זייטלעך — 3½ אויף 5½ — מיט א געדיכטן רש״י־פעטיט און ביילאגע פון א קורסבלאט), צוגעפאסט צו די סוחרישע אינטערעסן און געשריבן אויף זייער א אינטערעסאנטער „העברעאיש־סוחרישער“ שפראך מיט דער גאנצער געהעריקער טערמינאלאגיע.

מיר טרעפן דא, אגב, אויך א קורצע „קראניק“ און א „וועטערונג“ (חזון הרוחות) און ס׳איז כאראקטעריסטיש דערביי, אז די „וועטערונג“ איז דא געשריבן אויף יידיש, דהיינו:

## חזון הרוחות (וועטערונג)

**תשרי.** פונס מולד וואַרעמליך, לויטער, אַ מאָל חמאַרנע. אין האַלב חודש ווינדיג, לייטעוויס רעגנט. אַקעגן סוף חודש ווינטען אַ קאַלט אַ וואַרעם.

**חשון.** ביז ח׳ בו רעגנדיגע פּאָגאָדע. ערטערווייס לינדע טעג. ביז כ׳ בו גשוועגטליך טרוקען, ביי נאַכט קליינע פרעסטליך. אום סוף חודש רייסט זיך אויף רעגנען אָדער אויף שנייען.

**כסלו.** אין אָנהייב חודש נישט קיין שיינע פּאָגאָדע. דערנאָך אַביסל בעסער סטילער. דערנאָך ווייטער ווינטיג, אויך פרעסטליך מיט שנייען און ווייטער דערנאָך חמאַרנע קאַלט און נאַס.

**טבת.** אין ערשטען קוואַרטאַל וואַרעם און וואָלקנדיג. דערנאָך לינדע טעג. אין דריטע קוואַרטאַל נישקשהדיגע פּאָגאָדע. אום סוף חודש שנייען. ערטערווייס חמאַרנע.

**שבט.** ביז האַלב חודש נישט קיין בעשטענדיגע פּאָגאָדע. לייטעוויס שנייען, פרעסטע אין דריטען קוואַרטאַל שטאַרק קאַלט. אַקעגן סוף חודש שוין נישט אַזוי ווי פריער.

**אדר.** פונס מולד פאַרענדערונגען אין דער פּאָגאָדע. עס גיבן זיך אויס שיינע טעג. דערנאָך ווינדיג וואַרעם און חמאַרנע.

**ניסן.** אין אָנהייב חודש טרוקען וואַרעם, אַ מאָל וואַרעמע רעגנס. אין ביידע לעצטע קוואַרטאַלן זעהר שיינע טעג, נאָר לייטעוויס חמאַרעט זיך, עס נעצט אָדער עס רייסט זיך אויף רעגנען.

**אייר.** אַ גרויסער חילוק אין דער פּאָגאָדע. פונס האַלב חודש געהען פיר פאַרענדערונגען. אַ מאָל איז לויטער, ערגין אַנדערש חמאַרנע און ערטערווייס רעגנס.

**סיון.** ביז האַלב חודש איז די פּאָגאָדע נישט אומעטום גלייך. ערטערווייס רעגנט מיט דונערן, ערטערווייס איז לויטער אָדער עס רייסט זיך אויף רעגנען דערנאָך ביז אַקעגן סוף חודש שטעלט זיך אַ פּאָגאָדע.

**תמוז.** אין דעם חודש איז בכלל שיינע הייסע טעג, לייטעוויס גרויסע רעגנס מיט בליצן און דונערן. אין דערמיט חודש שטאַרקע געשמאַקע היטצען.

**אב.** אַ פּאָר וואָכען נאָך האַלט אַ טרוקענע שיינע פּאָגאָדע, ערטערווייס אָבער אין אויך חמאַרנע. דערנאָך ביז אַקעגן סוף חודש ענדערט זיך לייטעוויס די פּאָגאָדע.

**אלול.** פונס מולד אַן געמישטע פּאָגאָדע, גשוועגטליך אָבער קיהלבליך און טרוקען. אין דריטען קוואַרטאַל ערטערווייס חמאַרנע. אַ מאָל רעגנט און אַ מאָל נאַכן שיינע טעג. אַזוי ביז אום סוף חודש.



אין דער הקדמה צום „לוח הסוחרים" תרל״ט דערציילט דער מחבר, אַז אין יאָר תרל״ח האָט ער געפּרובט אַרויסגעבן אויף העברעאיש אַ קליינעם „לוח הסוחרים" נאָר אַלס פּראָבע. איצט, אָבער, אַז ער האָט זיך איבערצייגט, אַז אַזאַ מין לוח איז נויטיק און ווערט געפאָדערט, גיט ער אַרויס דעם צווייטן יאָרגאַנג, וועלכן ער האָט פאַרפולקאָמט מיט אַ סך נייע ענינים און האָפט אַרויסצוגעבן דעם לוח אַלע יאָר. „איך האָב זיך באַמיט, זאָגט אַבראַמאָוויטש, צו טאָן מיין אַרבעט געוויסנהאַפט, צו שרייבן די ענינים מיט אַ קלאָרער און לייכטער שפּראַך"...

יאָ, ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט געטאָן זיין אַרבעט זייער געוויסנהאַפט. זיין מאַטעריעלע לאַגע האָט געמוזט זיין גענוג געדריקט, אויב ער איז געווען געצוואונגען צו נעמען זיך אַרויסצוגעבן דעם „לוח הסוחרים", — און זיין געדולד און התמדה זיינען באמת געווען זייער גרויס, ווען מען זעט ווי אַזוי ער האָט די דאָזיקע אַרבעט זיינע ערפילט. ווי אין די גרויסע אַזוי אין די קליינע ווערק זיינע האָט ער געאַרבעט איבער יעדן זאַץ און האָט זיך באַצויגן צו אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, מיט אַ באַזונדערער סאָלידקייט און געפיל פון וויכטיקייט. וויפיל צייט האָט אַבראַמאָוויטש געמוזט פטרן אויף אַזאַ מין „לוח הסוחרים"!

און אַבראַמאָוויטש האָט געטאָן זיין אַרבעט — אויך פון די קאַלענדאַרן און לוחות — מיט אַזאַ ערנסט און שלימות, אַז ס׳איז ממש צו באַוואונדערן.

די קאַלענדאַרן און לוחות פון ש. י. אַבראַמאָוויטש גיבן ניט ווייניק מאַ־טעריאַל צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם גרויסן קינסטלער פון אונזער לי־טעראַטור.

## 2. דער וועלט־לוח און די קאַלענדאַרן פון יצחק יואל לינעצקי.

ש. י. אַבראַמאָוויטשעס „פערזענלעכער קעגנער" און „ליטעראַרישער קאָנקו־רענט" יצחק יואל לינעצקי, דער קעמפער קעגן די „חסידים, צדיקים און גוטע יידן", דער שטורמער פון דער השכלה־עפּאָכע, דער מחבר פון בשעתו זייער פּאָפּולערן „פוילישן יינגל" און „וואָרים אין כריין" א. א., האָט כמעט אין דער־זעלבער צייט, וואָס אַבראַמאָוויטש, אויך אַרויסגעגעבן קאַלענדאַרן (און נאָך פריער דעם „וועלט־לוח"), אָבער גאָר פון אַן אַנדער אינהאַלט.

ווי אַלץ, וואָס לינעצקי האָט געשריבן, איז אויך זיין לוח און טיילווייז זיינע קאַלענדאַרן פול מיט בייזער סאַטירע, חוזקריי, שמייסעריי, וויצן און הומאָר.

די דאָזיקע קאַלענדאַרן, וואָס טראָגן דעם נאָמען „דער פּראַקטישער פאָלקס־קאַלענדאַר" („פאָלק" איז דאַן געווען אין לינעצקיס קרייזן דער באַ־ליבטסטער אויסדרוק), גיבן צוגלייך מיט לוח־ידיעות און פאַרשיידענע פּראַק־טישע אינפאָרמאַציעס, אויך אַ מאַטעריאַל פון דעם מין, וואָס מאַכן די קאַלענ־דאַרן אין דער אמתן פאַר אַ המשך פון לינעצקיס שאַרפע ווערק און קודם כל פון זיין וועלט־לוח, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1875 אין אָדעס און וואָס מיט זיין נאָמען אַליין: „דער וועלט־לוח פון יאָר אֵין כסף" גייט ער שוין אַטאַקירן די גאַנצע אָן אונטערשייד זעלבסטצופרידענע און „אָנשטענדיקע" יידישע גע־זעלשאַפט פון זיין צייט.

דער וויץ „אין כסף“ (ניטאָ קיין געלט) איז טאַקע געווען דער ביטער־סטער באַגלייטער פון לינעצקיס לעבן, פול מיט פיין, רדיפות, דחקות און נויט, וואָס ער האָט אַליין אַזוי אָפן, גאַליק, פלאַם־פייערדיק און בייסנדיק כאַראַק־טעריזירט אין דער שלוס־רעדע בעת זיין פינף און צוואַנציק יאָריקן יובילייִ, וועלכן ס'האָבן אָרגאַניזירט אין אָדעס דעם 17 נאָוועמבער 1890 די „די שרייבער, משכּילים און מעצענאַטן“, די „אמתע פאָלקספריינד און שעצער פון הויכווירדיקן יובילאַר“ („חג היובל“, די יובילייִ־פייערונג, אָדעס 1891) און וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיטן באַשלוס „אָפּצודרוקן דעם דאָזיקן יובילייִ־בוך, פון וועלכן דער פדיון זאָל דינען צו שטיצן אונזער יובילאַר“.

אין דער „קורצער ביאָגראַפיע פון באַרימטן פאָלקסשרייבער ר' יצחק יואל לינעצקי“, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין אָט דעם „חג היובל“ ווערט דערציילט וועגן די קאַלענדאַרן פאָלגנדעס: „ה' לינעצקי איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „קול מבשר“, וועלכן ער האָט מיט זיינע פעליעטאָנען רענאָמירט אין דער וועלט, נאָכהער האָט ער זעלבסטשטענדיק געדרוקט זיינע באַרימטע ווערק „דער בייזער מאַרשאַלעק“, „דער לוח אין כסף“. „דאָס משלחת“, „דער כּל־בּוניק“ א. אַז. וו. אין 1876—1877 האָט ער געדרוקט „לינעצקיס כּתבים“ (דער „פּריטשעפּע“ און דער „סטאַטעק“) און פאַנגט אָן אַרויסצוגעבן זיינע יערלעכע „פּראַקטישע קאַלענדאַרן“.

דער „וועלט־לוח פון יאָר אין כסף“ איז אייגנטלעך גאָר קיין לוח ניט־נאָר אַ בוך פון סאַטירע און פּאַראָדיעס, וואָס נוצט אויס די פּאָפּולערע לוח־טערמינאָלאָגיע, כּדי באַקוועמער צו טרעפן אין רעכטן ריפּ אַריין וועמען מען באַראַרף, מיט אַ וויץ אָדער מיט אַ שטאָך, אין פּראָזע אָדער אין פערזן.

די פּאַראָדיעס, וויצן, כּללים, טייטשווערטער, שאלות ותשובות, צעטלעך, תּקופות, מולדות און אַלע אַנדערע געווירצן פון לוח טרעפן טאַקע אין פינטל אַריין, זיי זיינען אָבער אָפּטמאָל שוין צו שאַרף און צו שניידיק און דערגייען אַפילו ביז ציניזם און גראָבקייט. פונדעסטוועגן האָט מען געדאַרפט האָבן אַ גאַנץ גרויסן מוט, כּדי איינצורייסן מיט דער גאַנצער וועלט און אַרויסצולאָזן אין יענער צייט אַזאַ מין בוך, וואָס אויף די 96 זייטן זיינע איז ניטאָ קיין איין שורה, קיין איין וואָרט, וואָס זאָל ניט שיסן און בייסן און וואָס זאָל ניט זעלטן האָבן דערביי אַ היפּש ביסל געזעלשאַפטלעכן באַטייט. אויב די פאַרבן זייבען צו שוואַרץ, פאַרגלעט זיי אַמאָל דער הומאָר און אַמאָל טאַקע פאַרבלייבן זיי אַזוי ניט פאַרווייסט און ניט פאַרריבן און דראַפּן אין די אויגן.

דעם ערשטן ברוך הבא באַקומט דער לוח אַליין: „הערסטו, מיין ליבער לוח, בעסער באַצייטן זאָל דיר כאַפּן דער רוח!“ דערנאָך גייט דער „קראָניק“ (פון דער העלער הויט; פון אַלדע שוואַרץ יאָר; פון ערשטן עפּוש); „די 4 צייטן פון יאָר“; „וועטערונגען“; „לקיות“; „פינצטערניש“: „וויפיל יידן געפינען זיך אין פוילן אין יעדן מקום באַזונדער“; „שהחיינו ווען מען מאַכט?“; „היימישע רפואות“: „צו קדחת רביעית“, „צו שניידעניש“, „צו ציין־ווייטיק“; „כּללים צו רעכענען, כּללים פון מאָס און וואָג“; „ניצלעכע טייטשווערטער“; „פאַרצייכענונג“; „ר“ח קרעמענעץ“ („מולד בהר“ד, פיר וואָכן פאַר וואַרשע“ — אַ סאַטירע


— 10 —
3,000
800
200
50
9
3
5,000
900
2
3
56,789,478,649,325,760

זייט 10 (פאָטאָגראַפיש פאַרקלענערט) פון לינעצקיס „וועלט־לוח“.

אין טעקסט ווערן אגב אויך סאַקראַסטיש „געשטאָכן“ אברהם גאָלדפאַדן (ווי נעמט זיך עס פון אַזאַ קלוג יידעלע זאָל גאָר ווערן אַזאַ נאַרישע יידענע?), שלום שמואל בערנשטיין (ווי נעמט זיך אין מאַגאַזין פון לידער אַזאַ פוילע סחורה?) און לינעצקי אַליין (ווי נעמט זיך פון אַ פּויליש ייִנגל זאָל גאָר ווערן אַ בייזער מצרשאַלעק?).

אין גראַמען אויף דעם דעמאָלטיקן לעבנסשטייגער פון חדר ביז דער חתונה); „דאָס צעטל פון די צדיקים מיט זייערע הויפּט־מעלות"; „ר"ח תשרי" (און אַזוי ווייטער ביז אלול — פּאַראָדיעס אין גראַמען); „יידישע באַנקן אין פּוילן" (ר' מאיר בעל הנס פּושקע); „אייניקע חדשות"; „דער ספּאָרעק"; „ירידים"; „אַ געשפּרעך איבערן פּוילישן ייִנגל" (אין פאָרם פון דעם געשפּרעך צווישן די צוויי חסידים מנחם מענדל און געצעלע, וואָס האָבן געלייענט דעם „פּוילישן ייִנגל" און דעם „וועלט־לוח" און וואָס געצעלע איז דערביי שטאַרק מסביר דעם ענין פון אָט די צוויי ביכער, וועלכע „עפענען די אויגן", ווערט אגב אויסגעלאַכט דער רעדאַקטאָר פון „קול מבשר" אַלכּסנדר צעדערבוים, וואָס האָט דעם „פּוילישן ייִנגל" ניט נאָר „איבערגעקערט פון קאָפּ ביז די פיס", נאָר אַז ער האָט עס באַזונדער אָפּגעדרוקט, האָט ער דעם מחבר ניט געגעבן „אפילו איין ביכל דערפון"!..); „פּנחס שמעלקעס חתונה"; „אַ פּאָרטרעט" א. א.

פּאַרענדיקן פאַרענדיקט זיך דער „וועלט־לוח" מיט אַ האַרץ־רייסנדיקן אַנאָנס פון „פּאַרפאַסער" צו די „מדפּיסים", וואו לינעצקי קערט זיך גאָר אום צו זיין אייגענער טרויעריק־גרויערווירקלעכקייט און איז מזהיר די דרוקער, „די רויבער", זיי זאָלן אים ניט באַגנבענען און באַזונדערס בעט ער רחמים ביי איינעם פון זיי דעם ה' נעכעליס (וועלכער האָט שוין די פיינע שטיקל אַרבעט אָפּגעטאָן מיט לינעצקיס „פּוילישן ייִנגל"), ער „זאָל שוין בעסער ווערן גאָר גוט און פרום און זאָל אויפהערן דרוקן פרעמדע ביכער; אַלאַ ניט, מעג ער אוודאי זיין זיכער, אַז מיר אַלע מחברים מיט דער שטיצע פון זאַקאָן וועלן אים רודפן ווי וויט נאָר מען קאָן! מיר וועלן דערביי פאַרלאָזן אונזער ברויט און זיך לאָדן מיט אים ביז אין טויט!".

דעם סאַטיריש־הומאָריסטישן כאַראַקטער פון „וועלט־לוח" (וואָס האָט אוודאי מיט אַ דריי צענדליק יאָר פריער אַריבערגעיאָגט די שפּעטערדיקע „בעזים", „שייגעץ" א. א.) געפינען מיר ווייטער אין לינעצקיס קאַלענדאַרן פון דער צווייטער העלפט זיבעציקער און ערשטער העלפט אַכציקער יאָרן, וואָס ער האָט זיכער אויך אַרויסגעגעבן מיטן צוועק צו פאַרבעסערן זיין ביטערע מאַטעריעלע לאַגע.

און לינעצקיס „פּראַקטישע קאַלענדאַרן" און אַבראַמאָוויטשעס „ניטצליכע קאַלענדאַרן" האָבן מסתמא ניט איין יאָר קאָנקורירט צווישן זיך.

אין די „פּראַקטישע קאַלענדאַרן" תרמ"ד און תרמ"ה געפינען מיר שפּורן פון לינעצקיס אַגרעסיווער טאַקטיק קעגן אַבראַמאָוויטשן.

לינעצקיס קעגנערשאַפט צו אַבראַמאָוויטשן (נאָך אין זיין „סטאַטעק" איז ער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן זיין שאַפן), וואָס האָט אַ היפּש ביסל געשטאַמט פון קנאה און ניט פאַרגינען און טיילווייז פון ניט פאַרשטיין די העכערע קינסטלערישע צוועקן אין דער ליטעראַטור, איז געשטיגן צוזאַמען מיט מענדעלעס רום און האָט צום סוף פון די אַכציקער יאָרן שוין געפונען אַ גאַנצע אידעאָלאָגישע באַגרינדונג און אַן אָרגאַניזירטע גרופּע שרייבער און יידישיסטן, וואָס האָבן איר אונטערגעהאַלטן לשם די „אמתע יידישע פאָלקסאינטערעסן" (ז. צדוק פרומעס — י. י. לערנערס אַרטיקל און אַנדערע שטעלן אין „קליינעם וועקער", אָדעס 1890; די רעדעס פון פלתיאל זאַמאָשטשין און לינעצקי אין „חג היובל" א. א.).

לינעצקי לאַכט אויס אַבראַמאָוויטשעס קאַלענדאַרן אויף ז יי ן שטייגער: אַזוי ברענגט ער אין זיין „פּראַקטישן קאַלענדאַר" תרמ"ד (וואַרשע, 1883) אויף זייטל 20 פאָלגנדן וויץ (אונטערן נומער 21):

— שאלה: „פאַרוואָס הייסט אַבראַמאָוויטשעס קאַלענדאַר „דער ניטצליכער?"

— תשובה: „ווייל ער איז ג ע נ י ט צ ע ו ו ע ט!"..

אויף דער הילע (ניט אויפן שער־בלאַט) פון לינעצקיס קאַלענדאַר תרמ"ה (אַרויסגעגעבן פון בוכהענדלער דוב בער שוכמאַן אין אָדעס) געפינען מיר אָפּגעדרוקט חוץ דעם נאָמען „דער פּראַקטישער פאָלקס־קאַלענדאַר" אויך די שורה „פאַר די רוסישע יידן", וואָס גיט אַן איבעריקן רמז אויף אַבראַמאָוויטשעס „ניטצליכע קאַלענדאַרן פאַר די רוסישע יידן."


דער פּראַקטישער
פאָלקס
קאַלענדאַר
אויף שנת ה' תרמ"ד לפ"ג
[illegible]
(1884 ביז 1883)
[illegible]
פון יצחק יואל לינעצקי
וואַרשא
Практическій Народный Календарь,
на Еврейскій 5644 г. Соотвѣтствующаго
Христіанскому Счисленію отъ 20-го Сентября 1883 по 1884 г.
Варшава 1883 года.

אין לינעצקיס קאַלענדאַרן זיינען פאַראַן די אַלע געוויינלעכע לוח־רובריקעס און אַ גאַנצע ריי אינפאָרמאַציעס. ס'געפינען זיך אויך אין זיי אייניקע נייע אָריגינעלע אָפּטיילונגען (זייער קורצע, די קלענערע — בלויז צו עטלעכע שורות, די גרעסערע — צו פאָר צענדליק שורות), ווי, למשל — אין די קאַלענדאַרן תרמ"ד און תרמ"ה — : „משלי מוסר"; רעטענישן (חידות"); „פאַרשיידענע אינטערעסאַנטע באַריכטן" און „זעלטנהייטן אין דער וועלט" (אַ מין „אַלערליי", „כל־בו" אָדער „מארבע פנות העולם"); „אָדעסער לעבנסמיטל אַ יאָר, פאַר אַ מיטעלער פאַמיליע"; „יידישע גאָסודאַרסטווענע מענער אין אייראָפּע"; „יידישע פראָפעסאָרן און אַקאַדעמיקער"; „חסידי אומות העולם!" און, להבדיל, „אַנטיסעמיטן"; „פּרינציפּן דער יידישער רעליגיאָן אין פאַרגלייך מיט איצטיקער ציוויליזאַציע";

אָט זיינען, למשל, אַ פּאָר מוסטערן פון ליניעצקיס קאַלענדאַר תרמ״ה:

1) אַ געפּערלעכער גליטש אויף די קריסטלעכע אחורים פון די שטענדיקע יידישע ת... לעקער (ז. 5).

2) צוליב וואָס האָט מען אויסגעטראַכט אַן עבור-יאָר — צוליב נאָך אַ פּרנסה חודש (ז. 20).

אָדער די „עשרת הדברות״ פון דעם זעלבן קאַלענדאַר (ז. 44 און פּערטע זייט פון דער הילע — צוויי מאָל געדרוקט):

## אַלץ איין שוואַרץ יאָר.

### דער חלוק פון אַ פּוילישן כניאָק ביז אַ פּו·לישן אַריסטאָקראַט:

1. יענער גאָלט דעם קאָפּ און דער — די באָרד.
2. יענער מישט אַ גאַנצן טאָג דעם שבחי בעל שם טוב — און דער אַ גאַנצע נאַכט דאָס טעשל קאָרטן.
3. יענער איז פאַרבּרענט אין גוטע יידן — און דער אין גוטע יידענעס.
4. יענער רופט דאָס ווייב פּלוניתטע, — און דער רופט אַ פּלוניתטע ווייב...
5. יענער טראַכט אין שדים און האָט מורא פאַר אַן עבירה — און דער טראַכט אין אַן עבירה און האָט מורא פאַר שדים.
6. יענער וואַלגערט זיך אין קלויז און שפּייט אויף דער כלבוינצע און דער שפּייט אויף דער קלויז און וואַלגערט זיך בּיי דער...
7. יענער היילט זיך בּיים רבּין פון חולי הנפש און דער בּיים פעלשער פון חולי הגוף...
8. יענער שכּורט אין טאַנצט שמחת תּורה און וויינט תּשעה באב און דער שכּורט און טאַנצט תּשעה באב און וויינט שמחת תּורה.
9. יענער זאָגט „ווי איך בּין אַ ייד״ און גיט ניט אָפּ, ווייל ער האָט ניט, און דער זאָגט „אויף מיין ערן-וואָרט״ און גיט ניט אָפּ, ווייל ער וויל ניט!
10. יענער איז אַ שאַנדע פאַרן קריסט און דער פאַרן יידן...




„אייניקע ביבּלישע נעמען פון געאָגראַפיע, עטנאָגראַפיע און גידראָגראַפיע נאָך היינטיקע באַריפונגען״; „עקאָנאָמישע וויכטיקייטן״; „ציטאַטן פון די גרעסטע גריכישע און רוימישע קלאַסיקער״. ווייטער געפינען מיר אין די קאַלענדאַרן אויך עטלעכע גרעסערע אַרטיקלען, וואָס אייניקע פון זיי („קראַניק״; „די היימישע מעדיצין״; „אַ שפּאַציר-גאַנג אין דער אַטמאָספערע״; „די וועלט״; „דער גרויסער פילאָזאָף מענדעלסאָן מיטן אַרכיפּיסקאָפּ לאַוואַטער״) דערמאָנען שטאַרק אַבּראַמאָוויטשעס קאַלענדאַר-אַרטיקלען (אַלץ איינס וועלכער איז פון זיי פריער געדרוקט), זיי זיינען, אָבער, פיל מינדערווערטיקער פון אַבּראַמאָוויטשעס אַרבּעטן אין די קאַלענדאַרן.


דער פּראַקטישער
פאלקס
קאַלענדאַר
אויף שנת ה׳ תרמ״ה לפ״ג
נאר א נייעס!
אללעס אין ריין יודישען זשארגאן.
פון
יצחק יואל ליניעצקי
אדעססא
Практическій Народный Календарь
на Еврейскій 5645 г., соответствующій
Христіанскому счисленію отъ 8 Сент. 1884 по 28 Авг. 1885
Одесса 1884 года.— Сост. И. Линецкій.

מען דאַרף אויך דערמאָנען „דאָס לשון קודש ווערטערבּיכל״ („אַ פּאָלקאָמען ווערטערבּיכל פון די אַלע לשון-קודש ווערטער, וואָס מיר בּרויכן אין אונזער יידישן זשאַרגאָן, אויסגעשטעלט על פּי אל״ף בּי״ת״), וואָס ליניעצקי האָט אָפּגעדרוקט אין זיין קאַלענדאַר תרמ״ד, זייטן 56 — 64 (אותיות א—כ, ניט פאַרענדיקט).

אָבער דאָס כאַראַקטעריסטישסטע אין ליניעצקיס קאַלענדאַרן איז פאָרט דער סאַטיריש-הומאָריסטישער טייל זייערער.

איבּער דעם גאַנצן קאַלענדאַר ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדים דער שטאַרק געפּעפערטער „יאָקעל — יעקעל; שאלות — תּשובות״, וועלכער האָט נאָך צו הילף די פונאַנדערגעוואָרפענע אין פאַרשיידענע ערטער גיט ווייניקער שאַרפע „קאַפּריז-ווערטערונגען״; „עפּיגראַמען״; „סאַקסעס פון פאַרשיידענע יידישע פּאַפּירן, שריפטן און כדומה״ און „אַלץ איין שוואַרץ יאָר״.

חוץ געווייגלעכע וויצן פון אַ גאַנץ יאָר האָבּן מיר דאָ אויך אַ שטאָף פון אמתן יין שרף. ליניעצקי בּלייבּט זיך טריי אויך אין זיינע קאַלענדאַרן, וואָס דאַרפן זיין „פּראַקטישע״, אָבּער צוגלייך אויך „פאָלקס-קאַלענדאַרן״ אַזוי ווי ער פאַרשטייט עס און ער פירט ווייטער אין זיין באַקאַנטן חוזק-סטיל, הגם

„איינגעהאַלטענער", די ליניע פון „וועלט-לוח" און דערמיט דעם קאַמף קעגן דעם געזעלשאַפטלעך-גייסטלעכן לעבנסשטייגער פון יענער צייט. ער ברענט ממש די טריט פון די „רביים און גוטע יידן", פון די „קהלס-לייט און פּרומאַקעס", פון די „גבירים און אדירים", פון די „כניאָקעס און אַריסטאָקראַטן", פון די „גבאים און יחסנים", פון די „טעלער-לעקער" און וועמען ניט...

און זיך אַליין שאַנעוועט לינעצקי אויך ניט. ער מאָלט זיין אייגענעם „פּאָרטרעט" און מאַכט אַ תל פון מחבר. מיט דערזעלבער „פריינדלעכקייט" ווי ער האָט אים אָנגעהויבן, פאַרענדיקט ער זיין „וועלט-לוח":

„מיר קען זיך, למשל, פאַרשטעלן,
אַז מיין לוח טרעפט דורכאויס,
נאָר אויב אייך וועט ער ניט געפעלן,
נעמט זשע און וואַרפט אים אַרויס!" (ז. 83).


№ 3311/5865
דער וועלט-לוח
פינס יאהר
אין כסף
אדער
דיא אללגעמיינע
פאנאראמע
פון
עלי קצין הצחקיאולי
מחבר פינ'ס פוילישען יונגעל.
אדעססא
געדרוקקט בייא אולריך אונד שולצע.
שנת תרל"ה לפ"ק.
ВСЕМІРНЫЙ
ЮМОРИСТИЧЕСКІЙ КАЛЕНДАРЬ
сочиненіе
И. О. ЛИНЕЦКАГО
ОДЕССА
Въ типографіи Ульриха и Шульце.
1875.

ס'איז לכתחלה אויפֿפאַלנד, וואָס ניט אין לינעצקיס און ניט אין אַבראַמאָוויטשעס קאַלענדאַרן פון נאָך 1883 געפינען מיר ניט קיינע שום שפורן פון די פּאָגראָמען אין די ערשטע אַכציקער יאָרן. ס'קומט אָבער באַלד ווי פון זיך אַליין די ערקלערונג, אַז מסתמא זיינען אין דעם געווען שולדיק די שטרענגע צענזור-באַדינגונגען פון יענער צייט.

אַ זייער אינטערעסאַנטן פאַקט, וואָס באַשטעטיקט די השערה, דערציילט בן-עמי אין זיינע זכרונות וועגן מענדעלע, געדרוקט אין דער 24-טער „התקופה" (בערלין - שאַרלאָטענבורג, 1928):

„אַז מיר האָבן דרך אגב גערעדט וועגן די פּאָגראָמען פון די יאָרן 1881—1883 האָט מיר אַבראַמאָוויטש דערציילט, אַז ער האָט מחבר געווען



אַ לוח פון די פּאָגראָמען (לוח הפרעות), אָבער די צענזור האָט דעם לוח פאַרבאָטן" (ז. 467).

דער דאָזיקער פאַקט וואַרפט אַ שיין אויף מענדעלעס האַלטונג און גייסטיקע איבערלעבונגען אין יענער גרויזאַמער צייט און גלייכצייטיק ערקלערט ער פאַרוואָס אין די דאָזיקע יאָרן איז בכלל פאָרגעקומען אַן איבעררייס אין ערשיינען פון די קאַלענדאַרן.

**3. די לוחות פון חיים יונה גורלאַנד.** דער מחבר פון אָט די לוחות, חיים יונה גורלאַנד, ווערט דערמאָנט אין אַבראַמאָוויטשעס „ניטצליכן קאַלענדאַר" (1878) אַלס „אינספּעקטאָר אין זשיטאָמירער אינסטיטוט און מאַגיסטער וואָסטאָטשניך יאַזיקאָוו (לשונות המזרחיות)" מיט אַ פּענסיע פון 1.500 רובל אַ יאָר.

אין צען יאָר אַרום דערמאָנט אים אַבראַמאָוויטש ווידער, ביי גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען, אין זיינע בריוו פון יאָר 1888 צו ליב בינשטאָקן אין צאַמענהאַנג מיט די דעמאָלטיקע ראַבינער-וואַלן אין אָדעס, בעת ס'האָבן קאַנקורירט צווישן זיך בינשטאָק און גורלאַנד אַלס צוויי קאַנדידאַטן. ש. י. אַבראַמאָוויטש און מנשה מרגליות האָבן שטאַרק געשטיצט בינשטאָקן, אָבער אויסגעקליבן געוואָרן איז גורלאַנד (ז' ש. גינזבורגס אַרטיקל „מענדעלע מוכר ספרים און זיינע בריוו" אין „צוקונפט", ניו-יאָרק 1923, 1; איבערגעדרוקט אין אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, וואַרשע 1928, באַנד 22).

אין זשיטאָמירער לערער-אינסטיטוט איז גורלאַנד געווען אינספּעקטאָר זיבן יאָר (1873—1880). צוליב זיין קראַנקייט האָט ער געמוזט פאַרלאָזן זיין שטעלע און פאָרן זיך היילן קיין דייטשלאַנד, וואו ער איז געווען דריי יאָר. אומקערנדיק זיך פון דאָרט אין יאָר 1883, האָט ער זיך באַזעצט אין אָדעס און האָט דאָרט געגרינדעט אַ גימנאַזיע. אין יאָר 1888 איז ער, ווי אויבן געזאָגט, געוואָרן ראַבינער אין אָדעס, וואו ער איז אויך אינגיכן פּלוצלונג געשטאָרבן (וועגן זיין טויט ז' ש. ל. ציטראָנס זכרונות, — ש. י. אַבראַמאָוויטש, — אין ערשטן באַנד „דריי ליטעראַרישע דורות").

גורלאַנד (חיו"ג), וועלכער איז געווען אַ באַדייטנדער געלערנטער אויפן יודאַאיסטישן געביט און האָט פאַרפאַסט עטלעכע וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע ווערק, האָט אויך אַרויסגעגעבן אין משך פון אַ ריי יאָרן (1867; 1877—1883 אויף תרל"ח - תרמ"ד) אונטער פאַרשיידענע נעמען (לוח גדול בשפת עבר; לוח עברי; לוח ישראל; לוח ישראלי; לוח ישורון — געדרוקט אין פּעטערבורג, קיעוו, וואַרשע און ווידער פּעטערבורג) העברעאיש-רוסישע קאַלענדאַרן (אַ ביסעלע העברעאיש מיט אַ סך רוסיש; אָפטמאָל זיינען בלויז די קעפּלעך העברעאיש), וואָס אייניקע פון זיי קענען גערעכנט ווערן אַלס דער ערשטער פּרוב פון אַ נייערער לוח-אויסגאַבע מיט אַ געוויסן מאַטעריאַל וועגן יידישע געזעלשאַפטלעכע ענינים.

אויך גורלאַנד האָט אַרויסגעגעבן זיין לוח „כמעט אויסשליסלעך פאַר די רוסישע יידן" (ז. זיין „לוח ישראל" לשנת ה' תרמ"א, פּעטערבורג 1879, ז. 5).

אָבער ניט פאַרן פאָלק און געוויס ניט פאַר דער מאַסע, נאָר פאַר די אויבערשטערע יידישע שיכטן, וואָס האָבן זיך געשפּייזט מיט רוסיש און האָבן דאָך געוואָלט האָבן אַ העברעאיש וואָרט דערהויפּט אין אַ לוח

גורלאַנדס לוחות אַנטהאַלטן אָבער אין זיך אייניקע מאַטעריאַלן, וואָס דאַרפן באַזונדערס דערמאָנט ווערן.

אַזוי געפינען מיר אין זיי, חוץ דעם אַלגעמיינעם קאַלענדאַרישן טייל, כראָניק און פאַרשיידענע תקנות, — אין לוח לשנת תר״ם: א) סטאַטיסטישע ידיעות וועגן דער יידישער באַפעלקערונג; ב) יידישע פּעריאָדישע ליטעראַטור אין די יאָרן 1876—1880 (אויף 10 שפּראַכן), דערביי גייען אויף די ערשטע צוויי ערטער: העברעאיש און יידיש; ג) תלמודישע שפּריכווערטער; ד) נעקראָלאָגן א. א. — אין לוח לשנת תרמ״ב: א) יידישע געזעלשאַפטן און פאַראיינען אין אויסלאַנד און אין רוסלאַנד, באַאַרבעט לויט דעם ביבליאָגראַפישן לעקסיקאָן „אסף המזכיר" פון חיים דוד ליפּע, ווין; ב) סטאַטיסטיק פון די יידן אין ווילנער גובערניע פאַר 10 יאָר; ג) באַוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אָדעס אין יאָר 1879; ד) פולע איבערזיכט פון דער יידישער פּעריאָדישער ליטעראַטור אין יאָר 1881; ה) צוויי יובילייען (70 יאָר: ח. ז. סלאָנימסקי און א. ב. גאָטלאָבער); ו) זאַמלונג פון פירקאָוויטשעס מאַנוסקריפּטן אין דער קייזערלעכער עפנטלעכער ביבליאָטעק, אַרטיקל פון א. הרכבי א. א. — אין לוח לשנת תרמ״ג: א) די יידישע לער־אַנשטאַלטן, געזעלשאַפטלעכע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס אין אָדעס אין יאָר 1881; ב) העברעאיש־רוסישע שפּריכווערטער, צונויפגעשטעלט פון ג. מ. רייכערסאָן; ג) ילג״ס 25 יאָריקער יובילײ; ד) וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן וועגן צייט־רעכענונג און קאַלענדאַריש־אַסטראָנאָמישער ליטעראַטור, וואָס אייניקע פון זיי זיינען שוין דערמאָנט אויבן א. א.

גאַנץ אינטערעסאַנט זיינען אין גורלאַנדס לוחות די באַשרייבונגען פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

גורלאַנד (יאָנאַס איסאַקאָוויטש) איז געווען אַזוי צו זאָגן אַן אָפיציעלער פּאַטריאָט און האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ כאַראַקטעריסטישן טיפּ פון דער דעמאָלט־אויפקומענדיקער רוסיש־יידישער קאַזיאָנער אינטעליגענץ.

גורלאַנדס לוחות, וואָס זיינען צונויפגעשטעלט פון אַזאַ מין רעדאַקטאָר, וועלכער האָט נאָך פאַרמאָגט דערצו ניט נאָר אַ קענטיקע יודאַאיסטישע, נאָר אויך אַן אַלגעמיינע בילדונג, גיבן אַ געוויסע אָפּשפּיגלונג פון דעם גייסטיקן ניוואָ פון באַשטימטע רוסיש־יידישע קרייזן אין יענער צייט און האָבן דערמיט אויך בכלל אַן אינטערעס פון אַ געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט.

**4. די יידישע פאָלקס־קאַלענדאַרן פון גרשם באַדער.** פון אַ פאַרקערטן מין (לויטן אינהאַלט) אויסגאַבע מיט אַן אויסגעשפּראָכענער, — יידיש־נאַציאָנאַלער און ציוניסטישער, — ריכטונג זיינען די קאַלענדאַרן פון גרשם באַדער, לעמבערג.

זייער רעדאַקטאָר, גרשם באַדער, אַ באַקאַנטער יידיש־העברעאישער זשורנאַליסט און שריפטשטעלער (וואָס איז געווען טעטיק אויף דעם געביט אין



גאַליציע פון יאָר 1889 אָן), האָט באַזונדערע פאַרדינסטן פאַר די אַנטוויקלונג פון דער יידישער פּרעסע אין גאַליציע, איז געווען דער גרינדער פון דער ערשטער יידישער טעגלעכער צייטונג דאָרט (לעמבערגער „טאָגבלאַט" 1904). האָט שפּעטער (1911) אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט און האָט לעצטנס (1927) אַרויסגעגעבן אַ גרויס ווערק „דרייסיק דורות יידן אין פּוילן" (ניו־יאָרק, זייטן XVI+495).

אָנהויבנדיק פון יאָר תרנ״ו (1895—1896) האָט ער אַרויסגעגעבן אין משך פון פיל יאָר (ביז תרע״ב, 1911—1912) ליטעראַריש־פּובליציסטישע יאָרביכער פון אַ קאַלענדאַרישן כאַראַקטער אונטערן נאָמען: „יודישער פאָלקסקאַלענדער".

חוץ דעם לוח (קאַלענדאַריום) און אייניקע אינפאָרמאַטיווע אָפּטיילונגען (צווישן זיי אַ רשימה פון די „קולטוסגעמיינדען אין גאַליציע" מיט דער צאָל יידישער באַפעלקערונג) האָבן די דאָזיקע „יידישע פאָלקסקאַלענדערס" אַנטהאַלטן אין זיך אַ פאַרשיידנאַרטיקן פּובליציסטישן מאַטעריאַל, און זייער הויפּטצוועק איז געווען צו פאַרשפּרייטן די ציוניסטישע אידעע צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע. אין די קאַלענדאַרן זיינען אויך געדרוקט ליטעראַרישע אַרטיקלען און ערציילונגען, וואָס אויף עטלעכע פון זיי וועלן מיר זיך אָפּשטעלן ווייטער.

דער ערשטער יאָרגאַנג פון די קאַלענדאַרן איז געווען תרנ״ו (1895) און דער לעצטער שיינט צו זיין תרע״ב (1911—1912).

צו יענער צייט (תרע״ב) האָט גרשם באַדער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און אין דעם דאָזיקן לעצטן קאַלענדאַר זיינעם (תרע״ב) געפינען מיר שוין זיין אַרטיקל „זיבן וואָכן אין אַמעריקע, עראינערונגען און איינדרוקן".

אין זעלבן קאַלענדאַר זיינען אויך געדרוקט אייניקע זאַכן פון די יונגע יידישע דיכטער און שריפטשטעלער, וואָס זיינען ערשט דאַן ניט לאַנג אויפגעקומען אין גאַליציע, ווי א. מ. פוקס (אַ היים, סקיצע), מלך ראַוויטש (פון מיין היים, געדיכט), יעקב מעסטל (דער דיכטער זאָגט, געדיכט), ווי אויך אַ פאָלקסמאָטיוו מיט מוזיק־נאָטן פון שלמה פּריזאַמענט (פון זעלבן אויך אַ געדיכט—די גענאַרטע וועלט).

אין די פריערדיקע יאָרגענג פון די קאַלענדאַרן האָבן מיטגעאַרבעט די בעסטע יידישע שרייבער פון יענע צייטן, וואָס האָט פאַרגרעסערט די השפּעה פון די קאַלענדאַרן און האָט זיי צוגעגעבן אַ ליטעראַרישן ווערט.

מענדעלי מוכר ספרים און י. ל. פרץ האָבן אָפּט געדרוקט אין באַדערס קאַלענדאַרן קלענערע ערציילונגען אָדער פראַגמענטן פון זייערע ווערק.

אין די יאָרגענג תרס״ה (1904—1905) און תרס״ז (1906—1907) געפינען מיר פרצעס אייניקע פאָלקסטימלעכע געשיכטעס.

וועגן אייניקע מענדעליס און פרצעס ווערק אין די קאַלענדאַרן ריידן מיר גענויער ווייטער.

צווישן די מיטאַרבעטער האָבן באַדערס קאַלענדאַרן געציילט אַזעלכע נעמען (ביי די נעמען ווערט דאָ אָנגעוויזן זייער דעמאָלטיקער וואוינאָרט לויט די קאַלענדאַרן פאַר די יאָרן 1898—1903), ווי ש. י. אַבראַמאָוויטש — מענדעלע מוכר ספרים (אָדעס); י. ל. פּרץ (וואַרשע); ראובן בריינין (בערלין); ל. יפה (פרייבורג); ד״ר יוסף קלויזנער (היידלבערג); מ. ל. ליליענבלום (אָדעס); א. ל. שאַלקאָוויטש — בן אביגדור (וואַרשע); א. ז. ראַבינאָוויטש (פּאָלטאַווע); יהושע אייזנשטאַדט (יפו); יחזקאל וואָרטסמאַן (בערן); ד״ר ח. ד. הורוויץ (וואַרשע) א. א.

מענדעלע מוכר ספרים איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון די קאַלענדאַרן, אין וועלכע ס'זיינען געדרוקט פאַר די אָנגערופענע יאָרן פיר זאַכן זיינע: 1) „אַ סגולה צו די יידישע צרות, נאָך דער „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן“ פון ד״ר לעאָן פּינסקער ז״ל באַאַרבעט פון מענדעלע מוכר כפרים“ (קאַלענדאַר תרנ״ט); 2) „אָפּגעברענטע“ (תר״ס); 3) „קרבנות“ (תרס״א); 4) „אַ פרימאָרגן אין גלופּסק“ (תרס״ג).




וועגן דער „סגולה“ האָבן מיר שוין גערעדט גענויער אויבן. דאָ ווילן מיר נאָר פאַרצייכענען, אַז אויך די „סגולה“ פון באַדערס קאַלענדאַר איז אַרויס אין אַ באַזונדער בראָשור (קראָקאָוו, תרס״ד).

די „אָפּגעברענטע“ איז מענדעלעס אַן אייגענע איבערזעצונג פון זיין העבראַאישער ערציילונג „נשרפים“ („פרדס“, אוסף ספרותי, הוצאת י. ח. ראַבניצקי, ספר שלישי, אָדעס תרנ״ז, 1896). שפּעטער איז עס ערשינען אויך אויף יידיש אונטערן נאָמען „נשרפים“, די טעקסטן זיינען פאַרשיידן און ס'איז ווידער אַמאָל כדאַי זיי צו פאַרגלייכן (די „אָפּגעברענטע“ אין באַדערס קאַלענדאַר און די „נשרפים“ אין מענדעלעס אַלע ווערק).

די „קרבנות“ און „אַ פרימאָרגן אין גלופּסק“ זיינען קאַפּיטלעך פון דאַן נאָך ניט געדרוקטע חלקים פון „ווינשפינגערל“. אויך דאָ איז אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן די טעקסטן.

ס'איז ניט איבעריק צו באַמערקן, אַז אייניקע ענדערונגען אין ווערטער דאַרף מען אַפנים פאַרשרייבן אויפן חשבון פון רעדאַקטאָר, ווייל זיי זיינען אינגאַנצן פרעמד דעם גייסט פון מענדעלעס שפּראַך.

י. ל. פּרצעס מעשהלעך אין קאַלענדאַר (תרס״א, תרס״ב) „משיחס צייטן“ און „ר' יוחנן גבאַי“ זיינען דיזעלבע, וואָס זיינען שפּעטער איבערגעדרוקט אין די זאַמלונגען פון די ווערק פון י. ל. פּרץ „די צייט“ און „בילדער און סקיצן“. י. ל. פּרצעס „ער און זי“ (אַ שמועס ביי דער לבנה אין וועלדל), אין קאַלענדאַר תרס״ג, איז שפּעטער פון י. ל. פּרץ איבערגעאַרבעט געוואָרן אין אַ „פּאָר־שפּיל“ און אַזוי איז עס געדרוקט אין דער זאַמלונג „אדם וחוה“.

אַ געוויסן אינטערעס האָבן אויך די איבערזיכטן פון ג. באַדער: „אין אונזער ליטעראַטור“ און „ריקבליק“ אויף דעם פאַרגאַנגענעם יאָר; די אַרטיקלען און נאָטיצן פון דעם פרי־פאַרשטאָרבענעם, דאַן נאָך סטודענט יוֹרי פון לעמבערגער אוניווערסיטעט, מיכל ווירט (צווישן זיי „צוויי שניר פּערל“: מענדעלע און פּרץ, סענטענצן פון די צוויי גרויסע שרייבער, וואָס אַ טייל פון זיי האָט ווירט „זאָרגפעלטיק אויסגעקליבן ווי פּערל און זיי אויפגעצויגן אויף אַ שנור, אַ מתנה פאַר דעם יידישן לעזער“. — קאַלענדאַר תרס״א); די ביאָגראַפיעס (פּרץ בן משה סמאָלענסקי, ד״ר לעאָן פּינסקער, ד״ר נתן בירנבוים, ד״ר טעאָדאָר הערצל, פּראָפ. הערמאַן שאַפּיראָ, געשריבן די ערשטע און די דריטע פון ד״ר ד. מאַלץ, די צווייטע און פערטע — פון ג. באַדער און די פינפטע פון מ. ל. ליליענבלום אין קאַלענדאַר תרנ״ט; אליעזר שולמאַן פון ר. בריינין; אַלפרעד נאָסיג פון ר. בריינין, ביידע אין קאַלענדאַר תרס״ב) און די פּאָרטרעטן פון מענדעלע, פּרץ, אחד העם, סמאָלענסקין, נתן בירנבוים, עמיל זאָלאַ, ט. הערצל, מאַקס נאָרדוי, לעאָן פּינסקער, אַלפרעד נאָסיג, אליעזר שולמאַן א. א.

## 5. דער לוח פון שמעון שמואל פרוג.

צוזאַמען מיט דעם אַגראָנאָם מ. וועלער האָט שמעון שמואל פרוג אין יאָר 1901 אַרויסגעגעבן אַ קאַלענדאַר אונטערן נאָמען: „דער לאַנדאַרבעטער. לוח פאַר קאָלאָניסטן און גערטנער“ (די רוסישע איבערזעצונג פון נאָמען הייסט: „לאַנדאַרבעטער־לוח“ א. אַז. וו.).

מיט דעם דאָזיקן לוח האָט אונזער דיכטער, אַליין געבאָרן אין אַ יידישער ערדאַרבעטער־קאָלאָניע, אַזוי ווי אַן איבעריקן מאָל מאַניפעסטירט זיין שטאַרקע צוגעבונדנקייט צום באָדן, זיין ליבע צו נאַטור, זיין באַזינגען „די מי און די אַרבעט“, די „הענט מיט מאָזאָליעס“, — „די ווערקשאַפט, דאָס שפּינדל, דעם האַמער, די סאָכע, דעם סערפּ און די זעג“:

„געשמאַק זיינען, ברידער, דעם שרהס מאכלים!
געשמאַקער פון אַלעס — דאָס שטיקעלע ברויט,
וואָס ציט זיך פון אייגענער, ערלעכער אַרבעט
מיט שווייס און מיט מי, אבי נאָר אָן נויט.

געשמאַק איז דעם שרהס שלאָף אין זיין צימער
אויף ווייכינקע קישעלעך, ווייס ווי שניי;
געשמאַקער — אַ שלומער פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט,
אין פעלד, אויף אַ קאָפּיצע פרישינקעס היי.

טאַ לויבט זשע און זינגט דער מי און דער אַרבעט!
זינגט, געריסט זיי פון האַרצן, ליבנד און הייס!
געזונט זאָלן זיין די הענט מיט מאַזאָליעס;
די שטערנס, פון וועלכע ס'גיסט זיך דער שווייס!“

(„ליד דער אַרבעט“).

אָדער:

„געבענטשט זאָלן זיין א יך דער וועלט
דער גאָרטן און דאָס פעלד,
וואו אמאָל כאָטש לעבט דער מענטש אין נויט,
באַארבעט מיט מי זיין אַקער,
עסט אָבער אַן אייגן שטיקל ברויט
פון אַלע מאכלים געשמאַקער!"... (דאָס וויג-ליד).

די דאָזיקע ביידע לידער פון ש. פרוג זיינען טאַקע געדרוקט אין לוח און צוזאַמען מיט נאָך פרוגס אַ שיר (די תפילה), בוקי בן יגליס „דער סאָלאָוויי זינגט" (פרייע און פאַרקירצטע איבערזעצונג פון „שירת הזמיר") און אייניקע קורצע, צוגעפאַסטע צו דער טעמע מעשהלעך און מאמרי חז"ל שטעלן זיי צונויף דעם ליטעראַרישן טייל פון לוח.




דעם צענטראַלן אָרט אין לוח, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אַ בוך פון 248 זייטן, גוט, קלאָר און דייטלעך צונויפגעשטעלט, פאַרנעמט דער לאַנדווירטשאַפטלעכער מאַטעריאַל, וועלכער ווערט דערלאַנגט דעם לעזער אין אַ לעבעדיקער און פאָפולערער פאָרם. ס'גייען אַ ריי פאַך־אַרטיקלען וועגן פאַרשיידענע ענינים פון קאָלאָניסטן־ און גערטנער־לעבן: „וועלכע אַרבעטן מען דאַרף טאָן אין וועלכן חודש"; „דאָס באַאַרבעטן די ערד"; „דאָס באַמיסטיקן דעם פעלד"; „וועגן געמיזע־גערטנעריי"; „פרימעטעס וועגן דער פאָגאָדע"; „וואו מען קען קויפן לאַנדווירטשאַפטלעכע געציייג, זוימען" א. אַז. וו.

ווייטער געפינען זיך אין לוח (חוץ דעם קאַלענדאַר גופא און ידיעות וועגן ירידים) עטלעכע געהעריקע אַרטיקלען פון אַן אַלגעמיינערן געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, ווי „די ערדאַרבעט ביי יידן" (פון ד"ר מ. אייזנשטאַט, ראָכטאָוו אויפן דאָן); „דער באַראָן הירש און די קאָלאָניזאַציאָן־געזעלשאַפט" (פון מ. ליפשיץ); „קאָמיטעט פאַר בעלי־מלאכות און ערדאַרבעטער"; „יידישע קאָלאָניעס



אין רוסלאַנד" (פון ש. קאַמענעצקי); „די יידישע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל" (פון ב. ברוצקוס); „ווי מען דאַרף זיך באַגיין מיט קליינע קינדער" (פון מ. ליפשיץ); — פראָפילאַקטיק און היגיענע — און „וועגן קהלשע אונטערנעמונגען" (פון ב. ברוצקוס).

דער לאַנדאַרבעטער־לוח איז אויך אַרויסגעגאַנגען אין יאָר 1902 (תרס"ב" צווייטער יאָרגאַנג, ווילנע), אָבער שוין אָן פרוגן און בלויז אונטער דער רעדאַקציע פון אַגראָנאָם מ. וועלער. צו דאָס אַרויסגעבן פון לוח איז געווען געשטיצט פון יק"אַ אָדער פון ערדאַרבעטער־פאָנד (קאָמיטעט פאַר בעלי־מלאכות און ערדאַרבעטער) איז פון בוך ניט קענטיק.

## 6. לוח „אחיאסף".

דער דאָזיקער לוח האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור. ער איז אַזוי גוט ווי דער פאָרגייער פון די שפּעטערדיקע „התקופות".




געגרינדעט איז ער געוואָרן אין יאָר 1893 דורך דער פאַרלאַגס־געזעלשאַפט „אחיאסף" אין וואַרשע אַלס יאָרבוך פאַר ליטעראַטור און כראָניק און איז אַרויסגעגאַנגען 12 יאָר נאָכאַנאַנד פון 1893 ביז 1904 (לשנת תרנ"ד — תרס"ה). פון יאָר 1905 האָט ער אויפגעהערט צו ערשיינען און ערשט אין יאָר 1923 (תרפ"ג) האָט זיך באַוויזן דער 13־טער יאָרגאַנג פון „אחיאסף", דער לעצטער. זיין ריכטונג איז געווען אַ אידעאיש־ציוניסטישע.

אין לוח „אחיאסף" האָבן מיטגעאַרבעט די בעסטע העברעאישע שריפטשטעלער און דענקער. ס'איז גענוג אָנצורופן די נעמען (כסדר לויט די 13 יאָרגענג) פון אחד העם, ר. בריינין, מ. ל. לילענבלום, דוד פרישמאַן, א. ל. לעווינסקי, ש. פ. ראַבינאָוויטש, א. לודוויפאָל, בן אביגדור, מרדכי בן הלל הכהן, י. ח. טאַוויאָוו, י. א. טריוואָש, ש. ל. גאָרדאָן, יהושע אייזנשטאַט, י. ל. פרץ, נח פינעס, זלמן עפשטיין, מענדעלע מוכר ספרים, שמעון דובנאָוו, א. שולמאַן, דוד יעלין, ד"ר שמריהו לעווין, י. ח. זאַגאָראָדסקי, גרשם באַדער, א. א. הרכבי,

א. שולמאַן, א. ז. ראַבינאָוויטש, ש. בן-ציון, יהל״ל, ח. נ. ביאַליק, שאול טשערניכאָווסקי, נ. סאָקאָלאָוו, ע. נ. פרענק, הלל צייטלין, פּ. האַלפּערין, ד״ר ד. ניימאַרק, ד״ר יהושע טאָן, ד״ר ש. בערנפעלד, מ. ד. בראַנדשטעטער, נחום סלאָוסטש, ש. ראָזענפעלד, ש. ל. ציטראָן, ד״ר מ. י. בערדיטשעווסקי, י. ל. באַרוכאָוויטש, ד״ר יוסף קלויזנער, ד״ר ד. ניימאַרק, ד״ר יהושע טאָן, זאב יעבץ, י. בערשאַדסקי, יעקב כהן, הלל צייטלין, ד״ר י. זילבערבוש, א. ל. יעקובאָוויטש, מ. ב. לאָזעבניק, יעקב פיכמאַן, ז. שניאור, י. ח. ברענער, יצחק קאַצענעלסאָן, יהודה שטיינבערג, שלום אַש, א. מ. באָרוכאָוו, ליפּמאַן-לעווין, מ. בן-אליעזר, דוד שמעונאָוויטש, ק. ל. סילמאַן, מ. סמעליאַנסקי, י. ד. בערקאָוויטש, א. כהנא, י. מ. שמחוני, א. שטיינמאַן, ב. עפּלבוים, מ. ערנפּריין, מ. פּראַגבסט א. א.

די רעדאַקטאָרן פון לוח „אחיאסף“ זיינען געווען: 1—3 — בן אב־גדור און ל. קאַפּלאַן; 4 — אחד העם; 5 — מ. ש. ליליענבלום; 6—8 — ל. קאַפּלאַן און ש. פרידבערג; 9 — ל. קאַפּלאַן און ש. בערנפעלד; 10 — ר. בריינין; 11 — ד״ר י. קלויזנער; 12 — א. ליודוויפּאָל און 13 — ד״ר יהושע טאָן. די נעמען פון די רעדאַקטאָרן זיינען אָנגעוויזן נאָר אויף די יאָרגענג 5, 10, 11 און 13.

חוץ דעם זייער רייכן ליטעראַרישן טייל האָבן די לוחות אַנטהאַלטן אייניקע שטענדיקע אינפאָרמאַטיווע אָפּטיילונגען, ווי כראָניק, איבערזיכט איבער דעם מצב אין ארץ-ישראל און אַנדערע איבערזיכטן, ביבליאָגראַפיע (פון זעקסטן יאָרגאַנג אויך אויף יידיש), נעקראָלאָגן, אויסער דעם לוח גופא און פּאָרטרעטן.

אין לוח תרפ״ג איז אָפּגעדרוקט אַ וויכטיקע ביבליאָגראַפישע אַרבעט פון מ. פּראַגבסט „העתונות העברית בהתפתחותה הכרונולוגית“.

**7. לוח „קדימה“.** דאָס איז דער ערשטער טיפּ פון אַ ריין-געזעלשאַפטלעך-אינפאָרמאַטיוון לוח מיט אַן אַלגעמיינעם מאָדערנעם אינהאַלט. די יידישע אויסגאַבע פון לוח איז אַרויס אין יאָר 1911 אין ווילנע (תרע״ב, 1911—1912)

אין דער הקדמה צום לוח דערציילט דער פאַרלאַג, אַז „נאָך דעם ווי צוויי יאָר כסדר האָבן אונזערע רוסישע אויסגאַבן פון „לוח קדימה“ געפונען די בעסטע אויפנאַמע ביים יידישן פובליקום און איןביידע יאָרן האָבן מיר געהאַט נויטיק צו דרוקן צווייטע אויפלאַגן, האָבן מיר באַשלאָסן דעמזעלבן „לוח קדימה“ אַרויסצוגעבן. מיט די געהעריקע ענדערונגען, אויך אין דער יידישער שפּראַך. אַרויסגעבנדיק דעם „לוח קדימה“ אויף יידיש, האָט דער פאַרלאַג דעם צוועק צו געבן אַ פאָלקס-האַנטבוך, וואָס זאָל אַנטהאַלטן אין זיך די וויכטיקסטע מאָמענטן פון יידישן לעבן אין געגנוואַרט און פאַרגאַנגענהייט, וואָס זאָל גרינטלעך באַקאָנען מיט די אַלע אַנשטאַלטן און חברות אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע אַרבעטן פאַר דעם כלל-ישראל און וואָס זאָל, חוץ דעם, געבן אַ באַגריף פון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין אַלע אירע פאָרמען און איינריכטונגען. עס איז קיין ספק ניט, אַז אין אַזאַ מין פאָלקס-האַנטבוך פילט זיך שטאַרק אַ באַדערפעניש אויך ביי די ברייטע פאָלקשיכטן, וואָס לייענען



יידיש. מיר האָבן אין זינען באַזונדערס ליטע, פוילן, וואָלין, גאַליציע, רומעניע, אַמעריקע, — און מיר האָפן, אַז דער „לוח קדימה“ וועט געפינען אַ צוטריט אין יעדן יידיש הויז. ביי דער באַאַרבעטונג און צונויפשטעלונג פון מאַטעריאַל באַמיען מיר זיך צו געבן די נייסטע ידיעות און ציפער“.

דער לוח „קדימה“ איז ערשינען פיר יאָר (1909/1910—1912/1913), די ערשטע יאָרגענג נאָר אויף רוסיש. דער פערטער יאָרגאַנג (1912—1913) איז קאָנפיסקירט געוואָרן צוליב דער אָפּטיילונג וועגן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און א״י-ישראל. קעגן אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר (ב. א. גאָלדבערג איז פאַרפירט געוואָרן אַ פּראָצעס. ערשט אין יאָר 1918 איז אין פּעטערבורג אַרויסגעגאַנגען דער פינפטער (און לעצטער) יאָרגאַנג פון לוח „קדימה“ אויף רוסיש. ער איז ערשינען אַלס יאָרבוך.




די ערשטע פיר יאָרגענג פון לוח „קדימה“ זיינען אַרויס אין ווילנע און האָבן געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג. זייער פאַרשפּרייטונג פלעגט אַריבערשטייגן 20.000 עקזעמפּלאַרן אַ יאָרגאַנג (צוויי אויפלאַגעס צו צען טויזנט עקזעמפּלאַרן). אויך די יידישע אויסגאַבע האָט זיך געדרוקט אין 10.000 עקזעמפּלאַרן. די דאָזיקע לוחות זיינען געווען רעדאַקטירט פון באַקאַנטן ציוניסטישן עסקן ב. א. גאָלדבערג און מ. שאַליט. די מיטאַרבעטער זיינען געווען פאָלגנדע: ב. א. גאָלדבערג (סטאַטיסטיק; ציוניזם און פּאַלעסטינע), מ. שאַליט (אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן; עמיגראַציע; ביאָגראַפיעס; כראָנאָלאָגיע); י. גרינבוים (יידישע קהלות אין פוילן); ד״ר י. לוריאַ און ב. יפה (יידישע קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל), ב. באָראָכאָוו (יידישע אינסטיטוציעס אין עסטרייך); י. נפך (יידן אין טערקיי); בער ראַטנער (אַלגעמיין-יידישע כראָנאָלאָגיע). דער איבעריקער מאַטעריאַל איז געווען צונויפגעשטעלט פון די רעדאַקטאָרן.

באַזונדערס געגעבן זיינען באַאַרבעט אין די לוחות „קדימה“ די אָפּטיילונגען פון סטאַטיסטיק, געזעלשאַפטן, אָרגאַניזאַציעס און ציוניזם.

**8. דער אַרבעטער-קאַלענדאַר פון יחזקאל קאַטיק.** דער שפּעטערדיקער מחבר פון די „זכרונות" יחזקאל קאַטיק האָט אין יאָר 1906 (אויף תּרס"ו) אַרויסגעגעבן אין וואַרשע דעם ערשטן יידישן אַרבעטער-לוח אונטערן נאָמען: „אַרבייטער-קאַלענדאַר, אַ זאַמלבוך פאַר אַרבייטער-אינטערעסן". דער הויפּט-מיטאַרבעטער און צונויפשטעלער פון לוח איז געווען יחזקאלס זון אברהם קאַטיק.

דאָס ביכל (בײַ אַ 100 זײַטלעך) אַנטהאַלט פאָלגנדע מאַטעריאַלן: די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג (70-טע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט); דאָס פּראָגראַם פון דער דײַטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (אָנגענומען אויפן ערפורטער קאָנגרעס 1891); דאָס פּראָגראַם פון דער בעלגישער אַרבעטער-פּאַרטיי; די רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-פּאַרטיי; רעזאָלוציעס פון פערטן פאַראייניקונגס-צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי; פּראָגראַם פון „בונד"; רעזאָלוציעס וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע א. א.; פּראָגראַם פון „פּועלי ציון"; פויגל, ערציילונג פון א. נעמאָיעווסקי; מיטן ווינט פון פעלד (אַ קלאַנג) — מנחם; ביבליאָגראַפיע: נײַע ביכער, פראַגן צו ביכער; פאַרגלײַכנדע טאַבעלן פון קאָנסטיטוציעס אין אַלע לענדער; ווי לעגאַליזירט מען אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראײַן; סטאַטוט פון ווילנער פּראָפעסיאָנעלער געזעלשאַפט פון האַנדלס-אָנגעשטעלטע.

**9. דער אַרבעטער-לוח פון „בונד".** פון יאָר 1920 ביז 1926 אַרײַנגערעכנט זײַנען ערשינען 7 ביכער אונטערן נאָמען „אַרבעטער-לוח". די ערשטע צוויי אין פאַרלאַג „לעבנספראַגן" און די איבעריקע פינף — אין פאַרלאַג „די וועלט", אַלע אין וואַרשע. דאָס זײַנען דיקע יאָרביכער (ביז 200, 300 און 400 זײַטן אַ בוך) פון אַן אויסגעהאַלטענעם סאָציאַליסטישן און יידישן אַרבעטער-כאַראַקטער, פון דער בונדישער ריכטונג.

חוץ דעם עצם קאַלענדאַר, פאַרשיידענע אינפאָרמאַטיווע און סטאַטיסטישע ידיעות, ווי אויך כראָנאָלאָגישע און היסטאָרישע דאַטן, וויסנשאַפטלעכע און פּובליציסטישע אַרטיקלען, איבערזיכטן (קאָאָפּעראַציע, פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, שול-וועזן א. א.), ביאָגראַפישע אַרטיקלען און נעקראָלאָגן, בילדער און פּאָרטרעטן, אַנטהאַלטן די לוחות אַ רײַכן מאַטעריאַל וועגן דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע פראַגן, אַקטועלע פּראָבלעמען פון פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן, סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן.

דער ערשטער יאָרגאַנג — 1920 — פון לוח (טעכניש שטאַרק אָפּגעשטאַנען, די ווייטערדיקע ביכער זײַנען שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן פיל בעסער) גיט, חוץ אייניקע אַרבעטער-לידער, דער עיקר אַ רײ אַרטיקלען וועגן דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און וועגן די פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס.

דער דריטער יאָרגאַנג — 1922 — גיט אָפּ אַ גרעסערן אָרט דעם 25-יאָריקן יובילײ פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג.

דער פינפטער — 1924 — דעם 10-יאָריקן געדענק-טאָג פון דער וועלט-מלחמה.










זיבעטער יארגאנג

ארבעטער-לוח

1926



יידישער ליטעראַרישער

קאלענדער

ה'תרפ"ה — 5685

רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן פון

דר. אנזעלם קליינמאַן

דריטער יאַרגאַנג

לעמבערג 1924





לוח ארץ ישראל

לשנת התרנ"ו

מכלכל

א) לוח לבני שלשת הדתות הגדולות, בצירוף המדה והמשקל, ערכי המטבעות, סדרי הפוסט והתיליגרף ועוד ענינים שונים בארה"ק.

ב) מאמרים, מחקרים, תמונות, שירים וספורות המתארים מצב וחיי אחינו בערי ארה"ק ומושבותיו.

ג) מצב וחיי אחינו ומצב הקהלות בכל ערי ארץ הקדם.

ד) הודעות ממצב בתי הספר, החנוך והחסד, החברות, המסחר והאומנות בארה"ק.

שנה א'

נערך ע"י

אברהם משה לונץ

עורך "הירושלם"

ירושלם

תרנ"ה

בדפוס והוצאת העורך



לוח ארץ ישראל

שמושי וספרותי

לשנת התרנ"ו

בלוית ארבעה ציורים פתוחי עין

מאת

אברהם משה לונץ

עורך "ירושלים"

שנה ראשונה

פעיה"ק ירושלם תובב"א

תרנ"ה

בדפוס והוצאת העורך

דער זיבעטער — 1926 — דעם 20־יאָריקן יובילײ פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע.

די אָנגערופענע יאָרגענג אַנטהאַלטן חוץ דעם אויך טײלן פון דעם איבעריקן כאַראַקטעריזירטן מאַטעריאַל, אַזוי ווי דער 2, 4 און 6 יאָרגענג.

אין דעם פערטן יאָרגאַנג — 1923 — געפינט זיך, אַגב, אַ קלײנע אַנטאָלאָגיע פון דער יונגער יידישער דיכטונג (מאָזאאיק), צונויפגעשטעלט פון מלך ראַוויטש. און די יאָרגענג דרײ, פינף און זעקס (1922, 1924 און 1925) געפינען מיר איבערזיכטן איבער דער יידישער ליטעראַטור א. א. (פון נחמן מײזל און א. ליטוואַק).

צווישן די מיטאַרבעטער פון אַרבעטער־לוח האָבן זיך געפונען: דוד אײנהאָרן, ב. מיכאַלעוויטש, מ. אָזשעך, וו. קאָסאָווסקי, י. לעשטשינסקי, סאָפיע דובנאָווע־ערליך, צמח קאָפּעלזאָן („טימאָפעי"), אַרקאַדי קרעמער (אַלעקסאַנדער), א. ליטוואַק, מאָריס ווינטשעווסקי, אַרנאָלד, ד״ר י. לינדערמאַן פ. אַנמאַן, י. יאַשונסקי, נחמן מײזל, ח. ש. קאַזשדאַן, דוד מײער, י. ווילנער, ב. זעליקאָוויטש, ה. ערליך, קלמן קאַמאַשנמאַכער, וו. שולמאַן, שלום אַש, הלל ראָגאָף, א. ש. זאַקס, צביון.

**10. פאַרשײדענע אַנדערע לוחות.** צווישן אַ גאַנצער רײ אַנדערע לוחות, וועלכע מיר האָבן דאָ ניט די מעגלעכקײט און נויטיקײט אויסצורעכענען, ווילן מיר נאָך דערמאָנען פאָלגנדע:

א) מ. ספעקטאָר. וואַרשאָווער יודישער פאַמיליען־קאַלענדאַר, אַ בוך פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפט מיט אַנאָנסן אין פאַרשײדענע שפּראַכן. וואַרשע, 1893 (לשנת תרנ״ד). חוץ די אַנאָנסן, דעם לוח און די פאַרשײדענע אינפאָרמאַציעס האָט ער אַ גרעסערע אָפּטײלונג פאַר „געשיכטע און ליטעראַטור" בײ דער מיטאַרבעטערשאַפט פון אליקום צונזער, מ. זײפערט, מ. ספעקטאָר, איש יהודי, י. מז״ח, י. ח. זאַגאָראָדסקי, פ. זאַמאָשטשין, י. גודא, א. בוכבינדער (אינטערעסאַנטע זאַמלונג פון זאַבעבאָנעס מיט ערקלערונגען, פון נומער 25 ביז 84, דער ערשטער טײל געדרוקט אין „הויז־פרײנד", צווײטער בוך) א. א.

ב) לוח ארץ ישראל פון אברהם משה לונץ. ירושלים, 1895—1916. די דאָזיקע לוחות, וואָס זײנען אַרויס אַ לאַנגע רײ יאָר גיבן אַ גרויסן מאַטעריאַל וועגן דער געשיכטע און מצב פון ארץ־ישראל, ספּעציעל פון די יידישע קאָלאָניעס, יידישן ישוב און אַלע ענינים פון יידישן לעבן דאָרט. אויך דער ליטעראַרישער טײל פון די לוחות דינט דיזעלבע צוועקן און שטרעבט צו פאַרפלאַנצן ליבע צום לאַנד. דער לוח ברענגט אויך אַרטיקלען וועגן לעבן און מצב פון די יידן אין אַנדערע מזרח־לענדער.

ג) יידישער קאַלענדאַר, רעדאַקטירט פון משה פראָסטיג, לעמבערג. דער ערשטער יאָרגאַנג איז ערשינען אין 1907 (לשנת תרס״ח), דער צווײטער — 1908 (לשנת תרס״ט). ענלעך צו די קאַלענדאַרן פון גרשם באַדער און פון דערזעלבער ציוניסטישער ריכטונג. זײער רעדאַקטאָר, דער שפּעטערדיקער זײער חשובער אין גאַליציע יידישער זשורנאַליסט, שעף־רעדאַקטאָר פון לעמבערגער „מאָרגן" און פרײ־פאַרשטאָרבענער סײם־דע־



פוטאַט, האָט אָפּגעגעבן אין זײנע קאַלענדאַרן צוגלײך מיטן פובליציסטישן אַ גרויסן אָרט אויך פאַר דעם ליטעראַרישן מאַטעריאַל דערהויפּט פון די יונגע יידישע שרײבער אין גאַליציע, וואָס אײניקע פון זײ, וועלכע האָבן געדרוקט אין קאַלענדאַר פון זײערע ערשטע זאַכן, זײנען שפּעטער שטאַרק באַקאַנט געוואָרן אין אונזער ליטעראַטור. אין יאָרגאַנג תרס״ט געפינען מיר שירים פון ש. י. אימבער, משה ליב האַלפּערן, מ. ווירט, מלך כמעלניצקי, טביה כ״ץ, נאָוועלע פון ראובן פאַן און בילדל פון אימ״ן (פישל וויטקאָווער). מען דאַרף אויך דערמאָנען דעם אַרטיקל פון גר־תושב „ליטעראַרישע רעגונגען אין גאַליציע", וואו ס׳ווערט כאַראַקטעריזירט דער דעמאָלטיקער יידיש־העברעאישער ליטעראַרישער מצב אין גאַליציע (נעגאַטיווע אָפּשאַצונג פון גרשם באַדערס שריפטשטעלערישער שאַפונג, פּאָזיטיווע פון מיכל ווירטס; אָנערקענונג פאַר מלך כמעלניצקי, ש. י. אימבער, משה ליב האַלפּערן; כאַראַקטעריסטיק פון אַ רײ אַנדערע גאַליצישע שרײבער און זשורנאַליסטן).

ד) יידישער ליטעראַרישער קאַלענדער. רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן פון ד״ר אַנזעלם קלײנמאַן. לעמבערג, 1922—1924. אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער ליטעראַרישער מאַטעריאַל, טײלווײז מיט אַ גאַליצישן קאָלאָריט. צווישן אַנדערע אַ מיסטעריע אין דרײ אַקטן „אין די אַלטע מויערן" (די לעגענדע וועגן דער באַרימטער לעמבערגער פרוי די גילדענע רויזע) פון בנימין רעסלער; אַ ערצײלונג פון אַ. מ. פוקס „אין יענעם הויז"; לידער פון רחל ה. קאָרן; פּאָעמע „טאַרנאָוו" פון ראובן אײזלאַנד; „סאַנטימענטאַלער אַרטיקל וועגן גאַליציע" פון מלך ראַוויטש; וועגן „אַנטיגנוס" (ראָמאַן געשריבן אויף יידיש אין יאָר 1833, כתב־יד, האָט זיך געפונען אין דער ביכערזאַמלונג פון יוסף פערל, איצט אין דער פערל־שול אין טאַרנאָפּאָל) פון ישראל ווײנלעז א. א.

ה) לידסקיס פאַמיליען־קאַלענדאַר פאַרן יאָר תרס״ט 9—1908. „אַלמאַנאַך מיט ליטעראַרישע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, געדיכטע, ערצײלונגען, ביאָגראַפיען, וויצן, אַנעקדאָטן, וויכטיגע סטאַטיסטיק און ניצלעכע ידיעות, וואָס איז נויטיג פאַר יעדער הויז און פאַמיליע. בילדער און צײכענונגען פון גרויסע קינסטלער. פאַרשײדענע רעגעלען און טאַבעלען, וואָס איז יעדן געשעפטסמאַן נויטווענדיק. פאַרלאַג י. לידסקי, וואַרשע". — אין ליטעראַרישן טײל זײנען געדרוקט שירים און קלענערע זאַכן פון ש. פרוג, א. רײזען, מ. ראָזענפעלד, י. ל. פרץ, ה. ד. נאָמבערג, א. גאָלדפאַדן, ש. י. אימבער, מ. טײטש, דוד אײנהאָרן, ז. סעגאַלאָוויטש א. א. אין דעם קאַלענדאַר געפינען זיך אויך נעקרעלאָגן און ביאָגראַפיעס פון ישעיהו דאָמאַשעוויצקי (בערשאַדסקי), גריגאָרי גערשוני, אברהם גאָלדפאַדן און יהודה שטײנבערג.

ו) לוח „אחיעבר" ערוך על ידי שמעון גינצבורג, ד״ר ש. מ. מלמד וצבי שאַרפשטײן. ניו־יאָרק תרע״ח—1918. נאָך אַ צווײ־יאָריקער הפסקה איז אין 1921 ערשינען דער קובץ שני. ערוך על ידי מ. ליפסון. ניו־יאָרק, תרפ״א. זײער גוט אַרויסגעגעבענע דיקע ביכער מיט אַ רײכן בעלעטריסטישן, ליטעראַרישן און

װיסנשאַפטלעכן מאַטעריאַל, האָבן אַ באַזונדערע באַדייטונג פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דער העברעאישער שאַפונג אין אַמעריקע. דער ערשטער זאַמלבוך אַנטהאַלט פינף אָפּטיילונגען: פאָרשונג, בעלעטריסטיק, לעבן און קולטור אין אַמעריקע (דאָ דאַרף דערמאָנט װערן דער גרעסערער אַרטיקל פון דניאל פערסקי װעגן דער העברעאישער ליטעראַטור אין אַמעריקע), זכרונות און אָפּשאַצונגען, נאָטיצן און בילדער. דער צװייטער זאַמלבוך טראָגט שוין אַ מער אַלגעמיינעם ליטעראַרישן כאַראַקטער אָן באַזונדערע אָפּטיילונגען. פון די אַרטיקלען, װאָס געפינען זיך אין דעם באַנד, דאַרף מען דערמאָנען: ש. ניגער, אייזיק מאיר דיק און זיינע העברעאישע װערק; מ. װינטשעװסקי, ליליענבלום און זיין באַציאונג צום סאָציאַליזם; מ. זייפערט, צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער.

ז) לוחות פון געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. פון יאָר 1926 האָט דער פאַרבאַנד פון צענטראַלעס פאַר יתומים־פאַרזאָרגונג אין פוילן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ אילוסטרירטן געזעלשאַפטלעכן לוח אונטערן נאָמען „פון יאָר צו יאָר“. אין 1929 איז דער לוח פאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ יאָרבוך מיט אַ ברייטן אינהאַלט (אונטער דער רעדאַקציע פון מ. שאַליט), װעלכער איז אייגנטלעך דער איינציקער יאָרבוך פון אַן אַלגעמיינעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, אויף יידיש, אין דער גאַנצער װעלט. לױטן ביישפיל פון יתומים־פאַרבאַנד האָבן אויך אַנדערע יידישע געזעלשאַפטן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן (פון יאָר 1928) לוחות: די געזעלשאַפט „טאָז“ — אַ אילוסטרירטן טאָכן־לוח „היגיענע“ (צונויפגעשטעלט פון ש. לאַקערמאַן אין װילנע) און דער פאַרבאַנד פון די יידישע קאָאָפּעראַטיװע געזעלשאַפטן אין פוילן — אַ „קאָאָפּעראַטיװן טאַשן־לוח“ (צונויפגעשטעלט פון א. פּראָװאַלסקי אין װאַרשע). לוחות גיט אויך אַרויס דער „קרן קימת לישראל“. אין אַמעריקע זיינען אַרויס די יאָר־ביכער: „דער אידישער װעלט־אַלמאַנאַך“, יאָרבוך פאַר סאָציאַליסטישער, יידישער און אַלגעמיינער געשיכטע, סטאַטיסטיק און אינפאָרמאַציע צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַקטירט פון ד. שוב (ניו־יאָרק, אַרויסגעגעבן פון יאָר 1926, פון װאָכנבלאַט „דער װעקער“, אָפיציעלן אָרגאַן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי אין אַמעריקע) און „יידישער אַרבעטער־יאָרבוך און אַלמאַנאַך“ פון פועלי־ציון (ניו־יאָרק, 1927 רעדאַקטירט פון א. װאָלינער, 1928 — רעדאַקטירט פון ב. לאָקער).

ח) אין ראַטן־פאַרבאַנד איז אין יאָר 1924 ערשינען אין מאָסקװע (אַרויסגעגעבן פון דער יידישער אָפּטיילונג ביים בילדונגס־קאָמיסאַריאַט) „אַרבעטער־קאַלענדאַר“ מיט איבערזיכטן איבער דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע פאַר די פינף יאָר 1918—1923, װי אויך מיט גענויע רשימות פון די אַרויסגעגעבענע ביכער און ערשינענע צייטשריפטן פאַר די אָנגערופענע צייט, אונטער דער רעדאַקציע פון פ. (אפרים) שפּראַך. דער צענטראַל־פאַרלאַג מאָסקװע־כאַרקאָװ גיט אַרויס אַ „װאַנט־קאַלענדאַר“ מיט אַ רייכער ליטעראַרישער אָפּטיילונג אונטער דער רעדאַקציע פון מ. ליטװאַקאָװ. דער קאַלענדאַר



איז ערשינען אויפן יאָר 1928 און אויף 1929. פריער, אין די יאָרן 1926 און 1927, איז ער אַרויסגעגעבן געװאָרן דורך דעם קאָאָפּעראַטיװן פאַרלאַג „שול און בוך“ אין מאָסקװע. דער קאַלענדאַר װערט געגעבן אַלס פּרעמיע צו דער צייטונג „עמעס“ אין מאָסקװע.

---

1. די אַרבעט איז צוערשט ערשינען — אין אַ באַדייטנד־פאַרקירצטער פאָרם — אין יאָר־בוך „פון יאָר צו יאָר“ 1929. אַ טייל פון דער אַרבעט איז געדרוקט אין דעצעמבער־בוך פון זשורנאַל „די יידישע װעלט“ (װילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, װאַרשע 1928) אונטערן נאָמען „שלום יעקב אַבראַמאָװיטש און יצחק יואל לינעצקי און זייערע קאַלענדאַרן“.

2. בהסכם מיטן נאָמען פון ביכל: „לוחות אין אונזער ליטעראַטור, פון מענדעלי מוכר ספרים ביז דער היינטיקער צייט“ זיינען אין אים באַשריבן נאָר די ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע קאַלענדאַרן, װאָס זיינען ערשינען אויף יידיש אָדער העברעאיש. פון די געמישטע (ד. ה. אַזעלכע, װאָס זיינען ערשינען אויף יידיש אָדער העברעאיש מיט נאָך אַ שפּראַך אָדער פאַרקערט) זיינען געבראַכט די לוחות פון חיים יונה גורלאַנד, װאָס האָבן אַ געװיסע היסטאָרישע באַדייטונג און דער לוח „קדימה“, װאָס האָט געהאַט אַ באַזונדערע יידישע אויסגאַבע.

3. די „ניטצליכע קאַלענדאַרן“ און דער „לוח הסוחרים“ תרל"ט פון ש. י. אַבראַמאָװיטש, די „פּראַקטישע פאָלקסקאַלענדאַרן“ פון י. י. לינעצקי, די לוחות פון ח. י. גורלאַנד, די „פאָלקס־קאַלענדאַרן“ פון גרשם באַדער פאַר תרנ"ט—תרס"ג, דער לאַנדאַרבעטער־לוח פון ש. ש. פרוג, די לוחות „אחיאסף“, דער לוח פון מ. ספּעקטאָר, די לוחות פון א. מ. לונץ און דער לוח פון י. לידסקי געפינען זיך אין שטראַשונס ביבליאָטעק אין װילנע (דייטשע גאַס 12, שולהויף); דער „װעלט־לוח“ פון י. י. לינעצקי געפינט זיך אין דער סינאַגאָגע־ביבליאָטעק אין װאַרשע (טלאָמאַצקע 7) און אין דער געמיינדע־ביבליאָטעק אין לעמבערג (זשעזניצקאַ 5). דער עקזעמפּלאַר אין שטראַשונס ביבליאָטעק איז אַ פעלערהאַפטער (אָן אַ שער־בלאַט); באַדערס קאַלענדאַרן פאַר תרס"ה, תרס"ז און תרע"ב געפינען זיך אין דער געמיינדע־ביבליאָטעק אין לעמבערג; דער לוח „אחיעבר“ 1 — געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק „מפיצי השכלה“ אין װילנע (זאַװאַלנע 21); משה פּראָסטיגס קאַלענדאַר — אין דער פּריװאַטער זאַמלונג פון נפתלי װייניג; די איבעריקע כאַראַקטעריזירטע אין דער דאָזיקער אַרבעט קאַלענדאַרן זיינען פון מיין פּריװאַטער זאַמלונג א. א.

4. פון די 18 רעפּראָדוקציעס אין לוח זיינען 17 פאַרפאַרטיקט ביי זאַנעװסקי אין װילנע, די רעפּראָדוקציע פון „װעלט־לוח“ ביי „גראַפיקאָן“ אין װאַרשע.

5. דער אינדעקס פון די מחברים, נעמען און װערק, װאָס װערן דערמאָנט אין דער אַרבעט, געפינט זיך װייטער אויף די זייטן 42—45.

# ביילאַגע (צו די זייטן 4 און 15).

## 1. דער אויפרוף פון ש. י. אַבראַמאָוויטש וועגן זיינע קאַלענדאַרן אין א. ב. גאָטלאָבערס „הבקר אור".

(„הבקר אור", שנה שניה, חוברת ששית לחדש אדר, לעמבערג תרל"ז ז. 352)

### „קול קורא

הנה זה יצא לאור בשפת יהודית מדוברת „דער ניטצליכער קאלענדאר" לשנת תרל"ח מאת ש"י אבראמאוויץ, נדפס בפאר והדר ומכלכל בתוכו ענינים שונים מועילים ונחוצים לכל אדם בהלכות ד"א וחיי העולם. מחירו לאחדים (מלבד הוצאות הפ"פ) 30 קאפ'. ולמוכרי ספרים אתן ראבא"ט טוב כפי סכום הקניה.

ועוד יצא לאור בשפת עבר גם „לוח הסוחרים" משנת תרל"ח מאת ש"י אבראמאוויץ. נדפס ג"כ בפאר והדר בפארמאט קטן מאד, מאוגד בתכריך יפה להפליא ויכלכל בתוכו הרבה דברים מועילים הנוגעים לעניני המסחר. ובסופו יבוא לוח הבילעטין עם גורלות של שתי הלוואות המדינה הראשונה והשניה, הן בילעטין אלה שזכו בגורל סכום כסף מסוים והן מאלה שיצאו בטיראזש ועד עכשיו עדיין לא נתקבל עליהם מאוצר המדינה לא כסף הגורל ולא כסף תמורתם. מחירו לאחדים (מלבד הוצאות הפ"פ) 10 קאפ'. ולמוכרי ספרים אתן ראבא"ט כפי סכום הקניה".

האדרעססע שלי הוא:

„סאלמאן אַבראַמאָוויץ אין זיטאָמיר".

## 2. דער „הבקר אור" וועגן אַבראַמאָוויטשעס קאַלענדאַרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן קול קורא (ז. אויבן).

„הערת המו"ל. עוד יזכרו הקוראים כי בחוברת „תשרי" שנה זו הללנו את מעשי ידי החכם המפורסם הזה בהקאלענדאר שלו לשנת תרל"ז כי הפליא לעשות; — ועתה בא לידינו גם הקאלענדער לשנת תרל"ח. לא נפריז על המדה אם נאמר: גדול כבוד הקאלענדער הזה מן הראשון, גם בכמותו גם באיכותו, דברים רבים טובים ומועילים נקבצו באו בו, דברים אשר ראוים ונחוצים לכל איש ישראל ותושב מדינת רוסיא הגדולה והרחבה לדעתם. בפה מלא נאמר כי ישמחו הקוראים בו, וימצאו בו את כל אשר להם לדעת נכתב בשפה ברורה קלה ונעימה.

גם הלוח הקטן (געמיינט דעם „לוח הסוחרים". רעד.) נפלא במינו ומלא וגדוש הוא בענינים מענינים שונים טובים ומועילים".

## 3. די רעצענזיע פון ר. א. ברוידעס וועגן ערשטן יאָרגאַנג פון ש. י. אַבראַמאָוויטשעס „ניטצליכן קאַלענדאַר".

(„הבקר אור", שנה שניה, תשרי תרל"ז, ז. 53).

..."דער ניטצליכער קאלענדאר פאר רוסישע יודען לשנת תרל"ז פון אבראמאוויץ" זיטאָמיר 1876. — „וגם הוא נפלא לטוב מכל אשר קדמוהו, נלקט ונאסף בקרבו כל הידיעות הנחוצות לאיש יהודי הגר במדינת רוסיא, חקיה ומשפט מסלותיה בים וביבשה, גם דברים הרבה סטאטיסטיקיים וידיעות העולם והטבע הכל מסופר בסדר נפלא ונקל אשר יפיק רצון מאת הקוראים, ובתור הוספה ראשית ספור „קצור מסעות ר' בנימין השלישי" (בלשון יהודית המדברת) מלא סטירא נפלאה מדרכי החיים של אחינו בערים הקטנות אשר תתענג נפש כל משכיל עליה".

## 4. צווייטע אויפלאַגע פון לינעצקיס „וועלט-לוח" (צו דער זייט 24).

אין תרמ"ג איז אַרויס אין אָדעס אַ נייע אויפלאַגע פון י. י. לינעצקיס „וועלט-לוח פון יאַר אין כסף" (2-טע פאַרבעסערטע אויסגאַבע) $8^0$.



# אינדעקס

## פון די מחברים, נעמען און ווערק.

### א

אַבראַמאָוויטש שלום יעקב — 3, 5, 7, 8, 10, 11, 12, 13, 14, 17, 20, 23, 24, 25, 41, 42
„אַוטאָעמאַנציפּאַציע" (פּינסקער) — 8, 11, 28
אַזשעך מ. — 38
אחד העם — 29, 31
„אחיאסף" (לוח) — 31
„אחיעבר" (לוח) — 39, 41
אימ"ן — 39
איש יהודי — 38
אימבער ש. י. — 39
אייזענשטאַדט יהושע — 18, 31
אייזענשטאַדט מ. ד"ר — 30
איילאַנד ראובן — 39
איינהאָרן דוד — 38, 39
„אין כסף" (וועלט-לוח לינעצקי) — 24
„אם אין אני לי מי לי" (ש. ל. ציטראָן) — 11
אַנמאַן פּ. — 38
אַנטיגנוס, כתב יד (ראָמאַן אויף יידיש) — 39
„אסף המזכיר" (ח. ד. ליפּע, ווין) — 26
אַרבעטער-קאַלענדאַר (יחזקאל קאָטיק) — 34, 35
אַרבעטער-לוח פון „בונד" — 34, 35, 36
אַרבעטער-קאַלענדאַר (ראַטנרוסלאַנד) — 40
אַרנאָלד — 38
„אַרבעטער יאָרבוך און אַלמאַנאַך" (פּועלי-ציון) — 40
אש שלום — 32, 38.

### ב

באַדער גרשם — 26, 31, 38, 39, 41
באָרוכאָוו א. מ. — 32
באָרוכאָוו ב. — 33
בוקי בן יגלי — 30
בוכבינדער א. — 38
בינשטאָק לייב — 13
בירנבוים נתן ד"ר — 29
בן-עמי — 24
בן-ציון ש. — 32
בן-אליעזר — 32
בערנשטיין שלום שמואל — 19
בערנפעלד ש. ד"ר — 32
בערקאָוויטש י. ד. — 32
ר' בער מעזריטשער — 6
ברוידעס ראובן משה — 42
בריינין ראובן — 28, 29
ברוצקוס ב. — 31
ברענער י. ח. — 32
בראַנדשטעטער מ. ד. — 32.

### ג

גאָטלאָבער א. ב. — 26, 42
גאָרדאָן ש. ל. — 31
גאָלדבערג ב. א. — 33
גאָלדפאַדן אברהם — 19, 39
גור אריה — 5, 6
גוזקאָוו מיכאל יוסף — 6, 7
גודאַ י. — 38
גורלאַנד חיים יונה (חיו"ג) — 25, 26, 41
גינזבורג ש. — 25, 39
גינצבורג ש. ד"ר — 39
גערשוני גריגאָרי — 39
גר תושב — 39
גרינבוים י. — 33

### ד

דאָמאַשעוויצקי ישעיהו (בערשאַדסקי) — 39
דובנאָוו שמעון — 31
דובנאָוו-ערליך סאָפיע — 38
דיק אייזיק מאיר — 39
„דער וועקער" (אַמעריקע) — 40
דרויאַנאָוו א. — 11
„דרייסיק דורות יידן אין פּוילן" (באַדער) — 27.

משה שאַליט. „לוחות אין אונזער ליטעראַטור פון מענדעלי מוכר ספרים ביז דער היינטיקער צייט".